בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ

282

תשפ"ג

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

## היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב הבעל שם טוב 7**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וָואס טוּ אִיךְ וֶוען מַיין שְׁווִיגֶער שִׁיקְט אַ נִישְׁט צְנִיעוּת'דִיגֶע קְלֵייד? ..............א

זָאגְן זוֹהַר הַקָדוֹשׁ אוּן אוֹר הַחַיִים הַקָדוֹשׁ אִיז מְתַקֵן דִי פְּגָמִים? ..................ד

וִויפִיל מֶעג מֶען לֶערְנֶען מוּסָר? ....................................................ו

וִוי אַזוֹי קֶען זַיין אַז אִינְמִיטְן טוּן שְׁלֶעכְטְס, רֶעד אִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? ..........ז

זָאל אִיךְ אוֹיסְהֶערְן אַ שִׁידוּךְ פוּן אַן אַנְדֶערֶע קְהִלָה? ..........................ט

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

זִינְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער דִי "אֲנִי מַאֲמִין" מִיט טַייטְשׁ ..........................א

מֶעג מֶען גֵיין מִיט אַ הַאנְט זֵייגֶער? ...............................................ד

וואוּ אִיז דֶער גַן עֵדֶן? ....................................................ו

רֶעד צוּם קִינְד פוּן דִי הֵיילִיגְקֵייט פוּן פֵּאוֹת ......................................ז

מֶער אֵיידְל אוּן בַּאשֵׁיידְן, בְּרֶענְגְט מֶער פַּרְנָסָה ..................................ח

בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט רַחְמָנוּת, נִישְׁט מִיט סְטְרַאשֶׁען ......................ט

אוֹיסְלֶערְנֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ פַאר דִי קִינְדֶער ........................................יג

זָאג מִיר צוּ אַז דוּ גֵייסְט מֶער נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען דַיין וַוייבּ ..........................טו

רֶעד צוּ דִי קִינְדֶער אוּן צוּ דִי בָּחוּרִים פוּן זַיין הֵיילִיג ...........................טז

גֶעבּ דַיין צְדָקָה פַאר'ן בֵּית הַמֶדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין דַיין שְׁטָאט ................יז

אַלֶע וָואס זָאגְן מִשְׁנָיוֹת מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט, זֶענֶען גְרוֹיסֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן ..........יז

פַארְוָואס קוּמְט אָן אַזוֹי שְׁוֶוער יֶעדֶעס מָאל צוּ גֵיין הֲפָצָה? .......................יט

בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז צְנִיעוּת זָאל נִישְׁט זַיין אַן אָפְּקוּמֶענִישׁ ...................כ

אַנְשְׁטָאט זִיךְ טַעְנָה'ן, זָאג 'יְיַשֶׁר כֹּחַ פַּארְ'ן זָאגְן' ....................................... כא

וִוי אַזוֹי וֵוייסְט מֶען וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מוֹחֵל אוֹיף דִי עֲבֵירוֹת?........כב

מַאךְ אַ חַבוּרָה פוּן בָּחוּרִים מְפִיצִים, גֵיי שְׁטוּרֶעמֶען דִי גַאסְן ........................ כג

וואוּ דוּ גֶעפוּנְסְט זִיךְ, זָאלְסְטוּ הָאבְּן מִיט דִיר אַ זֶעקְל סְפָרִים..........................כד

דֶער נֵייעֶר אִינְגֶעלֶע וֶועט בְּרֶענְגֶען אַ רְפוּאָה...........................................כד

מִיט תְּפִלָּה אוּן מִיט חָכְמָה, וֶועט דַיין וַוייבּ דִיר נִישְׁט שְׁטֶערְן פוּן בְּרֶסְלֶב.......כה

אַ גוּטֶע זַאךְ קוּמְט אָן שְׁוֶוער..................................................................כו

צְדָקָה רַאטֶעוֶועט..........................................................................כו

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## וָואס טוּ אִיךְ וֶוען מַיין שְׁווִיגֶער שִׁיקְט אַ נִישְׁט צְנִיעוּת׳דִיגֶע קְלֵייד?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט אִין אַ 'מִכְתָּב יוֹמִי' פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו], ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁרַייבְּט: "דִיר בֶּעט אִיךְ, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף דַיין לֶעבְּן, מַאךְ נִישְׁט אַוֶועק צְנִיעוּת, רַייס נִישְׁט אַרָאפּ דַיין וַוייבּ. אַז זִי פְּרֶעגְט דִיר אוֹיף אַ קְלֵייד אוֹיבּ עֶס אִיז גוּט, אַז זִי זָאגְט דִיר 'מַיין מַאמֶע זָאגְט מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט גֵיין מִיט דֶעם' - לַאךְ זִיךְ נִישְׁט אוֹיס אוּן מַאךְ אַ גֶעשְׁפֶּעט, זָאג אִיר: 'פָּאלְג דַיין מַאמֶע, גֵיי נִישְׁט מִיט דֶעם, אַזוֹי וֶועלְן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אוּנְז אוֹיסְהֶערְן'; זָאג אִיר: 'וָואס וֶועט זַיין, אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער וֶועלְן זִיךְ אוֹיסְלַאכְן פוּן אוּנְז, זֵיי וֶועלְן מֶער נָאכְגֵיין דִי לִינְקֶע גַאס'".

הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְּרֶעגְן וָואס מֶען טוּט וֶוען דִי מַעֲשֶׂה אִיז פַּארְקֶערְט, אַז אִיר מַאמֶע הָאט אִיר גֶעקוֹיפְט אַ מַתָּנָה אַ קְלֵייד, אָבֶּער אִיךְ הַאלְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג אֵיידְל, וָואס דַארְף אִיךְ דֶעמָאלְט טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י״ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וואוּיל אִיז דִיר אַז דוּ בִּיסְט מְחַזֵק דַיין וַוייבּ צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן בִּצְנִיעוּת. עֶס אִיז דָא בַּיי אַסַאךְ אִינְגֶעלַייט אוּן יוּנְגֶע וַוייבְּלֶעךְ אַז מֶען הָאט אַ רֵייץ וְכוּ׳, מֶען זוּכְט ווִי מֶען קֶען אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן דִי צְנִיעוּת וְכוּ׳, אוּן וֶוען דִי עֶלְטֶערְן; דִי מַאמֶע אָדֶער דִי שְׁוִויגֶער זָאגְן: "מֶען גֵייט נִישְׁט אַזוֹי, עֶס אִיז נִישְׁט צְנִיעוּת׳דִיג" - דַארְף דֶער מַאן הָאבְּן שֵׂכֶל נִישְׁט צוּ מַאכְן קַיין מַחֲלֹקֶת, נִישְׁט הֶעצְן דִי וַוייבּ קֶעגְן אִיר מַאמֶע, אוּן אַוַדאי נִישְׁט קֶעגְן דִי שְׁוִויגֶער, נָאר מְחַזֵק זַיין דִי וַוייבּ זִי זָאל זַיין בַּאשֵׁיידְן אוּן נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי אֵיידֶעלֶע וֶועג.

וֶוען דִי מַעֲשֶׂה גֵייט פַארְקֶערְט, דִי מַאמֶע קוֹיפְט קְלֵיידֶער וָואס אִיז נִישְׁט אַזוֹי צְנִיעוּת׳דִיג - דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט וֵויי צוּ טוּן דִי מַאמֶע. כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז זֵייעֶר אַ הַארְבֶּע מִצְוָה, מֶען טָאר נִישְׁט טַעֲנָה׳ן אוּן נִישְׁט גֵיין אִין וִיכּוּחִים מִיט דִי עֶלְטֶערְן. מֶען בַּאדַאנְקְט זִיךְ אוּן נָאכְדֶעם לֵייגְט מֶען דִי קְלֵיידֶער אִין דִי זַייט, אוּן מֶען טוּט זִיךְ נָאר אָן אֵיידְל.

זַיי שְׁטַארְק, זַיי מְחַזֵק דַיין וַוייבּ זִי זָאל גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל; נִישְׁטָא קַיין שֶׁענֶערֶע זַאךְ ווִי אַן אֵיידֶעלֶע אִידִישֶׁע פְרוֹי. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת כה:): "אִשָּׁה מְקֻשֶּׁטֶת לְתַלְמִידֵי חֲכָמִים" - דָאס אִיז שֵׁיין אוּן דָאס אִיז גוּט; דִי אַלֶע וָואס מַאכְן נָאךְ דִי גוֹיִם, דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם - וֶוערְן נִישְׁט פְרֵיילִיךְ; עֶס מַאכְט נִישְׁט בֶּעסֶער דִי שָׁלוֹם בַּיִת, דִי לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

[דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע בְּרִיוו בַּאצִיט זִיךְ:

**רַייס נִישְׁט אַרָאפּ דַיין וַוייבְּ׳ס אֵיידְלְקֵייט אוּן צְנִיעוּת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ״ט מַר-חֶשְׁוָן, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַן עֶרְלִיכֶע וַוייבּ, אַן אֵיידֶעלֶע וַוייבּ - אִיז מֶער וֶוערְד פוּן אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט. קֶען זַיין דוּ בִּיסְט יוּנְג, עֶס רֵייצְט דִיךְ וְכוּ׳ וְכוּ׳, אָבֶּער אִיךְ זָאג דִיר עֶס אִיז נִישְׁטָא עֶפֶּעס בֶּעסֶערְס פוּן אֵיידְל, בַּאשֵׁיידְן אוּן צְנִיעוּת׳דִיג.

איך בעט דיר, רייס נישט אראפ דיין ווייב'ס איידלקייט, ברענג איר נישט אריין נייע דערהערן פון די וועלט; עס וועט אריבערגיין די פאר יונגע היציגע יארן און דו וועסט אזוי חרטה האבן... איך זאג דיר, איך ווייס וואס איך רעד. איך האב אינגעלייט וואס וויינען צו מיר אז זייער ווייב גייט לינקס און זיי קענען גארנישט טון, ווען זיי אליינס האבן אין די עבר אראפגעריסן און חוזק געמאכט פון די איידעלע וועג.

אוי ויי, ווי שרעקעדיג די וועלט איז, אוי ווי ביטער עס ווערט ווען די ווייב ווערט אויס תמימות'דיג, זי וויל נישט נאכגיין די וועג פון צדיקים; עס ווערט אויס שטוב, עס ווערט אויס מאמע פאר די קינדער, אויס מיט אלעס.

מען קען פלאצן ווען בחורים ענטפערן מיר, זיי דארפן א ווייב וואס איז נישט פארפרומט. איך רעד שידוכים פאר בחורים און זיי ווייסן נישט גארנישט פון לעבן, זיי האבן די יונגע רייץ, און דעריבער זאגן זיי אפ שידוכים.

איך בעט זיך ביי זיי, האב שכל, נעם א וואוילע איידעלע ווייב, נעם א באשיידענע ווייב, נעם א ריינע תמימות'דיגע ווייב, עס איז אזוי גוט אן ערליכע פרוי; זי וועט מחנך זיין דיינע קינדער, זי וועט ליינען קריאת שמע מיט זיי, זי וועט זיי וואשן נעגל וואסער; וואס האסטו מורא - אז זי וועט נישט וועלן נעמען א טעלעפאן וואס איז נישט כשר אין האנט? נאר דו וועסט דאך מרויח זיין פון דעם, אבער די יונגע בחורים מיט די רייץ ווילן מיך נישט אויסהערן.

דיר בעט איך, האב רחמנות אויף דיין לעבן, מאך נישט אוועק צניעות, רייס נישט אראפ דיין ווייב. אז זי פרעגט דיר אויף א קלייד אויב עס איז גוט, אז זי זאגט דיר 'מיין מאמע זאגט מיר איך זאל נישט גיין מיט דעם' - לאך זיך נישט אויס און מאך א געשפעט, זאג איר: "פאלג דיין מאמע, גיי נישט מיט דעם, אזוי וועלן אונזערע קינדער אונז אויסהערן"; זאג איר: "וואס וועט זיין, אונזערע קינדער וועלן זיך אויסלאכן פון אונז, זיי וועלן מער נאכגיין די לינקע גאס".

אוֹי וֵויי, אוֹי ווִי שְׁרֶעקֶעדִיג דִי וֶועלְט אִיז; פַּארְוָואס זָאלְסְטוּ זִיךְ אַלֵיינְס בְּרֶענְגֶען דִי גֵיהִנוֹם? מַאךְ נִישְׁט דִי טָעוּתִים וַוייל שְׁפֶּעטֶער אִיז בִּיטֶער שְׁוֶוער.

בֶּעט דַיין וַוייבּ זָאל דִיר דֶערְצֵיילְן וָואס מֶען הָאט נֶעכְטְן גֶערֶעדְט בַּיים שִׁיעוּר, מֶען הָאט גֶערֶעדְט אַזֶעלְכֶע ווִיכְטִיגֶע זַאכְן. מֶען קֶען זִיצְן אִין גַּן עֵדֶן, מֶען קֶען שְׁפִּירְן אַלֶע שַׁי עוֹלָמוֹת - בִּיז דֶער שְׁלַאנְג קוּמְט אָן, עֶר הוֹיבְּט אָן רֶעדְן קֶעגְן וְכוּ', עֶר פַּארְ'סַמְ'ט מִיט קֻשְׁיוֹת, מִיט לֵיצָנוּת.

נֶעכְטְן בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען נָאךְ גֶעלְט אִין דִי שׁוּלְ'ן. אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט אַז אִיךְ ווִיל גֵיין נָאךְ גֶעלְט, אִיךְ ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ מְתַקֵּן זַיין מַיין נְשָׁמָה, מוֹהֲרַא"שׁ שְׁרַייבְּט אַז גֵיין נָאךְ גֶעלְט לוֹיטֶערְט אוֹיס דִי נְשָׁמָה. בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ גֵיין אִין שׁוּלְ'ן מִיט אַ חָתָן וָואס הָאט חֲתוּנָה אִין אַפָּאר וָואכְן אוּן הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט, וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן? אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט ווִי עֶס פַאלְט שְׁטִיקֶער פוּן מִיר, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט אַ זִיכּוּךְ, נָאךְ יֶעדֶע שׁוּל הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁפִּירְט ווִי אִיךְ וֶוער נֵיי גֶעבּוֹירְן. אֵיין פְּרָאבְּלֶעם הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט, דֶער חָתָן הָאט גֶעוָואלְט מַאכְן ווִי מֶער גֶעלְט, אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ מֶער גֶעפְרֵיידְט יֶעדֶע מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נִישְׁט גֶעגֶעבְּן, אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען דִי תִּיקּוּן שְׁטֶערְקֶער.

גֵיי דוּ אוֹיךְ נָאךְ גֶעלְט, לְכָל הַפָּחוֹת אֵיין מָאל אַ וָואךְ. אוֹיבּ דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין צְוֶועק - קֶען אִיךְ דִיר גֶעבְּן אַ חֵלֶק פוּן דִי קְהִילָה, אַ פִּינְטֶעלֶע פוּן דִי מוֹסָד - וָואס דָאס זָאל זַיין דַיין פְּרָאיֶעקְט וְכוּ'.

הַיינְט עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ זָאגְט מֶען יוֹם כִּיפּוּר קָטָן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

[...

**זָאגְן זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ אוּן אוֹר הַחַיִים הַקָּדוֹשׁ אִיז מְתַקֵּן דִי פְּגָמִים?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען עֶרְגֶעץ נָאכְבְּרֶענְגֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ כֹּחַ מְטַהֵר צוּ זַיין פוּן פְּגָמִים אִין

קְדוּשָׁה און אַנְדֶערֶע פְּגָמִים - דוּרְכְ'ן זָאגְן אַסַאךְ זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, און אוֹיךְ דֶעם סֵפֶר אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ; וָואס הַאלְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיבֶּער דֶעם?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת מִקֵּץ, כ"ד כִּסְלֵיו, עֶרֶב חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ג**

**לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נִישְׁטָא נָאךְ אַ זַאךְ וָואס אִיז אַזוֹי מְטַהֵר דֶעם מֶענְטְשׁ ווִי לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ, פֶּרֶק יח): "מַה מַּיִם הַלָּלוּ מִקְוֶה טָהֳרָה הֵן לְכֹל בָּאֵי הָעוֹלָם וּלְכָל מַעֲשֵׂה יָדָיו שֶׁבָּרָא בָּעוֹלָם", אַזוֹי ווִי מִקְוֶה רֵיינִיגְט פוּן אַלֶע טֻמְאוֹת, "כָּךְ דִּבְרֵי תוֹרָה מִקְוֶה טָהֳרָה הֵן לְיִשְׂרָאֵל בְּכָל מְקוֹמוֹת מוֹשְׁבוֹתֵיהֶן", אַזוֹי אוֹיךְ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה - רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ; וֶוען מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה - וֶוערְט מֶען אוֹיסְגֶערֵיינִיגְט פוּן אַלֶע טֻמְאוֹת און אַלֶע זוּהֲמוֹת. אֲפִילוּ מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען, מֶען הָאט זִיךְ פַארְשְׁמִירְט מִיט עֲבֵירוֹת - וֶוערְט מֶען צוּרִיק רֵיין.

נָאךְ זָאגְן זֵיי (שָׁם): "בֹּא וּרְאֵה כַּמָּה גְּדוֹלָה כֹּחָהּ שֶׁל תּוֹרָה", קוּק דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "שֶׁמְּטַהֶרֶת אֶת פּוֹשְׁעֵי יִשְׂרָאֵל בִּזְמַן שֶׁעוֹשִׂין תְּשׁוּבָה אֲפִילוּ מֵעֲבוֹדָה זָרָה שֶׁבְּיָדָן", אֲפִילוּ מֶען הָאט גֶעדִינְט עֲבוֹדָה זָרָה, אוֹיבּ מֶען טוּט תְּשׁוּבָה און מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה - וֶוערְט מֶען אוֹיסְגֶערֵיינִיגְט, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (יְחֶזְקֵאל לו, כה): "וְזָרַקְתִּי עֲלֵיכֶם מַיִם טְהוֹרִים" וְגוֹ', דָאס מֵיינְט מֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וָואס אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ וַואסֶער.

לֶערְנֶען זוֹהַר רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קח): "יָדוּעַ שֶׁלִּמּוּד הַזֹּהַר" לֶערְנֶען זוֹהַר אִיז "מְסֻגָּל מְאֹד מְאֹד" זֵייעֶר מְסוּגָל פַאר דִי נְשָׁמָה, "וְדַע שֶׁעַל יְדֵי לִמּוּד הַזֹּהַר נַעֲשֶׂה חֵשֶׁק לְכָל מִינֵי לִמּוּדִם שֶׁל הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה" דוּרְךְ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן זוֹהַר בַּאקוּמְט מֶען אַ שְׁטַארְקֶע גְלִיסְטֶענִישׁ צוּ לֶערְנֶען אַלֶע סְפָרִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

אוֹיךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל גֶעגֶעבְן אַ תִּיקוּן פַאר אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה

עֶר זָאל יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען פִינְף בְּלֶעטֶער תִּיקּוּנֵי זוֹהַר, דָאס וֶועט אִים מְתַקֵּן זַיין אוּן מְטַהֵר זַיין.

אַזוֹי אוֹיךְ אִיז דֶער הֵיילִיגֶער סֵפֶר אוֹר הַחַיִּים מְזַכֵּךְ דֶעם מֶענְטְשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵייליכְן לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה.

...

**ווִיפִּיל מֶעג מֶען לֶערְנֶען מוּסָר?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן ווִיפִּיל מֶעג מֶען לֶערְנֶען מוּסָר?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ה כִּסְלֵיו, א' דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ג

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען דַארְף לֶערְנֶען מוּסָר סְפָרִים בִּיז מֶען וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט זֵייעֶר אַסַאךְ מוּסָר סְפָרִים; אַלֶע סִפְרֵי מוּסָר הָאט זַיין טַאטֶע גֶעהַאט בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ אוּן עֶר הָאט אַלְס קִינְד זֵיי אַלֶע גֶעלֶערְנְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן ז). אוֹיךְ אִיז מְקוּבָּל בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעלֶערְנְט דֶעם סֵפֶר מְסִלַּת יְשָׁרִים אִיבֶּער פִיר הוּנְדֶערְט מָאל.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, דִי סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן - דָאס זֶענֶען דִי בֶּעסְטֶע מוּסָר סְפָרִים. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שמו): "אֲנִי חָפֵץ מְאֹד שֶׁיִּלְמְדוּ אוֹתוֹ" אִיךְ ווִיל זֵייעֶר מֶען זָאל לֶערְנֶען מַיינֶע סְפָרִים, "כִּי צְרִיכִים לִלְמֹד אוֹתוֹ הַרְבֵּה עַד שֶׁיִּהְיֶה שָׁגוּר בְּעַל פֶּה", אִיךְ ווִיל מֶען זָאל זֵיי לֶערְנֶען אַסַאךְ בִּיז מֶען וֶועט זֵיי קֶענֶען אוֹיסְנֶווייניג, "כִּי הוּא מָלֵא מוּסָר

וְהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל מְאֹד לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אֲשֶׁר אֵין עֲרֹךְ אֵלָיו״, וַוייל דִי סְפָרִים זֶענֶען אָנְגֶעפִילְט מִיט מוּסָר אוּן עֶס וֶועקְט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן לֶערְנֶען מַיינֶע סְפָרִים אִיז ״אַתְחַלְתָּא דִגְאֻלָּה, בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ אָמֵן״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה.

...

### וִוי אַזוֹי קֶען זַיין אַז אִינְמִיטְן טוּן שְׁלֶעכְטְס, רֶעד אִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען מִיךְ אַרָאפְּצוּוַוארְפְן אִין שְׁמוּצִיגֶע הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אִיךְ וִויל אָבֶּער פַארְשְׁטֵיין וִוי אַזוֹי עֶס קֶען זַיין אַז אִיךְ הַאלְט אִינְמִיטְן טוּן עֲבֵירוֹת אוּן אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט רֶעד אִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? וִוי אַזוֹי קֶען זַיין אַז אִיךְ הַאלְט אִינְמִיטְן קוּקְן אוֹיף טָמֵא'נֶע פְּרִיצוּת'דִיגֶע בִּילְדֶער רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה שְׁרֵיי אִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "טַאטֶע! טַאטֶע! טַאטֶע!" וִוי אַזוֹי קֶען דָאס זַיין? וִוי אַזוֹי אַרְבֶּעט דָאס?

דָאס אִיז נִישְׁט נָאר אוֹיף אֵיין מִינוּט, דָאס קֶען אָנְגֵיין פַאר לַאנְגֶע שָׁעוֹת; אִיךְ גֵיי קוּקְן שְׁלֶעכְטֶע פְּרִיצוּת'דִיגֶע זַאכְן רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט הַאלְט אִיךְ אִין אֵיין רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וָואס מֵיינְט דָאס?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ״ו כִּסְלֵיו, ב' דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ג לפ״ק

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס וָואס דוּ וֵוייסְט אַז דוּ בִּיסְט נָאכְאַמָאל אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית פוּן קוּקְן עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, דוּ קוּקְסְט בִּילְדֶער פוּן נִיאוּף; מַיין

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, שְׁרֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן דָארְט וואו דוּ בִּיסְט, רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן דַיין גְרוּבּ, דָארְט אִין דִי טוּמְאָה שְׁרֵיי: "טַאטֶע טַאטֶע!"

דֶער רֶבִּי זָאגְט: "אִיךְ זָאג אַנְדֶערְשׁ פוּן דִי וֶועלְט, דִי וֶועלְט זָאגְט 'אוֹיבּ מֶען עֶסְט דָבָר אַחֵר - זָאל עֶס שׁוֹין רִינֶען אוֹיפְ'ן בָּארְד'", דָאס הֵייסְט, אוֹיבּ מֶען אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין אַן עֲבֵירָה זָאל מֶען זִיךְ אָפְּרֵייסְן אִינְגַאנְצְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער רַחֲמָנָא לִצְלָן, "אָבֶּער אִיךְ זָאג אַנְדֶערְשׁ, אִיךְ זָאג, 'אַז מֶען עֶסְט דָבָר אַחֵר - זָאל עֶס נִישְׁט רִינֶען אוֹיפְ'ן בָּארְד'"; דָאס הֵייסְט, אַז מֶען אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין אַן עֲבֵירָה - זָאל מֶען דָארְט אִין דִי פְּלַאץ בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וָואס אִיז דִי פְרַאגֶע וֶועגְן שְׁרֵייעֶן טַאטֶע? וָואס דֶען זָאלְסְטוּ טוּן? אַוַדַאי זָאלְסְטוּ שְׁרֵייעֶן: "טַאטֶע, טַאטֶע!" וָואס טוּט מֶען וֶוען מֶען פַאלְט אִין אַ גְרוּבּ, מֶען בְּלַייבְּט שְׁטִיל? וָואס טוּט מֶען וֶוען מֶען פַאלְט אַרָאפּ פוּן אַ הוֹיכֶע פְּלַאץ, מֶען בְּלַייבְּט שְׁטִיל? דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קכט): "אֲפִלּוּ כְּשֶׁנּוֹפְלִין לִפְעָמִים לְתוֹךְ רֶפֶשׁ וָטִיט", וֶוען מֶען פַאלְט אִין אַ בְּלָאטֶע פוּן עֲבֵירוֹת, "שֶׁקָּשֶׁה לוֹ מְאֹד לָצֵאת מִשָּׁם", אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן דָארְט, "צוֹעֲקִין וְצוֹעֲקִין וְצוֹעֲקִין", זָאל מֶען שְׁרֵייעֶן אוּן שְׁרֵייעֶן אוּן שְׁרֵייעֶן.

דָאס אִיז דִי רַחְמָנוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז: "שְׁרֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דַיין בְּלָאטֶע", שְׁרֵיי: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ בִּין אַזוֹי גֶעפַאלְן, אִיךְ קֶען נִישְׁט אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן קוּקְן עֲבֵירוֹת, אִיךְ קֶען שְׁטֵיין אוּן קוּקְן אוֹיף נַאקֶעטֶע אוֹיסְגֶעלַאסֶענֶע בִּילְדֶער, אִיךְ קוּק נִיאוּף, אִיךְ זוּךְ אוֹיף נִיאוּף, הֶעלְף מִיר, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן דִי בְּלָאטֶע, אִיךְ ווִיל זַיין גוּט, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען מִתְגַּבֵּר זַיין".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה.

...

**זָאל אִיךְ אוֹיסְהֶערְן אַ שִׁידוּךְ פוּן אַן אַנְדֶערֶע קְהִלָּה?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים, אִיךְ הֶער זֵיי אוֹיס כְּסֵדֶר אוּן אִיךְ בִּין זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶה.

מֶען טְרָאגְט שׁוֹין אָן שִׁידוּכִים פַאר מַיין עֶלְטְסְטֶע טָאכְטֶער בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אוּן מֶען הָאט מִיר אָנְגֶעטְרָאגְן זֵייעֶר אַ פֵיינֶע שִׁידוּךְ פוּן אַ חָשׁוּבְ'עֶ מִשְׁפָּחָה, אָבֶער מַיין וַוייבּ זָאגְט עֶס אִיז דָא אֵיין פְּרָאבְּלֶעם, אַז יֶענֶע מִשְׁפָּחָה בַּאלַאנְגְט צוּ אַן אַנְדֶערֶע קְהִלָּה פוּן וָואס מִיר שְׁטַאמֶען אוּן עֶס אִיז נִישְׁט נָארְמַאל צוּ נֶעמֶען אַ בָּחוּר וָואס זֵייעֶרֶע מִנְהָגִים שְׁטִימֶען בִּכְלַל נִישְׁט מִיט אוּנְזֶערֶע מִנְהָגִים, אוּן זֵייעֶרֶע נַאטוּרְן זֶענֶען אוֹיךְ אַנְדֶערְשׁ.

אִיךְ קֶען נִישְׁט מַחְלִיט זַיין וָואס צוּ טוּן. אִיךְ וִויל וִויסְן אוֹיבּ עֶס אִיז טַאקֶע אַזוֹי, אַז מֶען מֶעג פַארְקוּקְן אוֹיף אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, צוּלִיבּ וָואס דִי עֶלְטֶערְן קוּמֶען פוּן אַן אַנְדֶערֶע סָארְט פְּלַאץ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ו כִּסְלֵיו, ב' דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז מֶען הָאט אָנְגֶעטְרָאגְן פַאר דַיין טָאכְטֶער אַ פֵיינֶע שִׁידוּךְ - זָאלְסְטוּ וַוייטֶער גֵיין מִיטְ'ן שִׁידוּךְ. חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן (יְבָמוֹת סג.): "נְחוֹת דַּרְגָּא וְנָסִיב אִיתְּתָא", גֵיי אַרָאפּ אַ מַדְרֵיגָה אוּן הָאבּ חֲתוּנָה; מֶען דַארְף חֲתוּנָה הָאבְּן וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן - נִישְׁט קַיין חִילּוּק מַיין קְהִלָּה, דַיין קְהִלָּה אָדֶער יֶענֶעמְ'ס קְהִלָּה, דָאס אַלֶעס אִיז גָלוּת וֶוערְטֶער. מִיר וַוארְטְן אַז מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ זָאל שׁוֹין קוּמֶען, "הוּא יִגְאַל אוֹתָנוּ בְּקָרוֹב, וִיקַבֵּץ נִדָּחֵינוּ מֵאַרְבַּע כַּנְפוֹת הָאָרֶץ", עֶר וֶועט צוּזַאמְעֶנְעמֶען אַלֶע אִידְן אוּן עֶס וֶועט זַיין "חֲבֵרִים כָּל יִשְׂרָאֵל".

שָׁלוֹם בַּיִת הָאט נִישְׁט צוּטוּן צִי מֶען קוּמְט פוּן אֵיין קְהִלָּה, עֶס וֶוענְדְט זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט אִין דֶעם, נָאר אוֹיבּ דֶער בָּחוּר אוּן מֵיידְל - בֵּיידֶע ווִילְן

אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּב און בֵּיידֶע וֶועלְן אַרוֹיפְקוּקְן אֵיינֶער אוֹיפְן צְוֵוייטְן; דַאן וֶועלְן זֵיי הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן נַחַת פוּן אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**זִינְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער דִי "אֲנִי מַאֲמִין" מִיט טַייטְשׁ**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ה' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, טְבֶרְיָ'**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה צוּ בַּאקוּמֶען פוּן דִיר יֶעדְן טָאג אַ בַּארִיכְט.

שְׁטַארְק זִיךְ, וֶוער נִישְׁט צֶעפַּאלְן פוּן קַיין שוּם זַאךְ. מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט מִיר זָאגְן: "אַז מֶען קְרִיגְט אוֹיף דִיר וֵוייס אִיךְ אַז דוּ בִּיסְט גוּט, וָואלְט מֶען נִישְׁט גֶעקְרִיגְט אוֹיף דִיר – וָואלְט אִיךְ חוֹשֵׁשׁ גֶעוֶוען אַז עֶפֶּעס אִיז נִישְׁט גוּט מִיט דִיר".

דוּ גֵיי אָן מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט, לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה. דֶער מְנַהֵל הָאט מִיר גֶעשִׁיקְט אַ רֶעקָארְדִירוּנְג וִוי דוּ זִינְגְסְט מִיט דִי קִינְדֶער דִי "אֲנִי מַאֲמִין" מִיט טַייטְשׁ; דוּ זָאגְסְט פָאר דִי לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ אִין דִי קִינְדֶער עֶנְטְפֶערְן אִין אִידִישׁ, אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶּ' גֶעוֶוען; הַלְוַאי זָאלְן אַלֶע מְלַמְדִים דָאס טוּן.

אִיךְ שִׁיק דִיר דִי אֲנִי מַאֲמִין'ס מִיט טַייטְשׁ, אִיךְ הָאבּ עֶס גֶעטַייטְשְׁט לוֹיט וִוי דִי אִידִישֶׁע שְׁפְּרַאךְ גֵייט אִין אַמֶערִיקֶע; אַז בַּיי עֶנְק גֵייט אַנְדֶערְשׁ דִי שְׁפְּרַאךְ – זָאלְסְטוּ דָאס זִינְגֶען מִיט זֵיי לוֹיט וִוי מֶען רֶעדְט בַּיי עֶנְק.

אִיךְ פְרֵייא זִיךְ אַז דֶער קִינְד ... הוֹיבְּט אָן בֶּעסֶער רֶעדְן אִידִישׁ. אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הָאבּ סַבְלָנוּת – וֶועסְטוּ זֶען שֵׁיינֶע זַאכְן.

דָא הָאסְטוּ דִי אֲנִי מַאֲמִין'ס:

**1)** אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייבּ, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט אַ שְׁטַארְקֶע

אֱמוּנָה, **שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ** אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, **הוּא בּוֹרֵא** עֶר בַּאשַׁאפְט, **וּמַנְהִיג** אוּן פִירְט, **לְכָל הַבְּרוּאִים** אַלֶע בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן. **וְהוּא לְבַדּוֹ** אוּן עֶר אַלֵיין, **עָשָׂה** הָאט גֶעטוּן, **וְעוֹשֶׂה** אוּן טוּט אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט, **וְיַעֲשֶׂה** אוּן וֶועט וַוייטֶער אַלֶעס טוּן, **לְכָל הַמַּעֲשִׂים** אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט.

2) **אֲנִי מַאֲמִין** אִיךְ גְלֵייב, **בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה** מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, **שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ** אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, **הוּא יָחִיד** עֶר אִיז אֵיינֶער, **וְאֵין יְחִידוּת** אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַ זַאךְ וָואס זָאל זַיין אֵיינְס, **כָּמוֹהוּ, בְּשׁוּם פָּנִים** אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס אִיז אֵיינְס. **וְהוּא לְבַדּוֹ** אוּן עֶר אַלֵיינְס, **אֱלֹהֵינוּ** אִיז אוּנְזֶער בַּאשֶׁעפֶער, **הָיָה** עֶר אִיז אֵייבִּיג גֶעוֶוען, **הֹוֶה** עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג דָא, **וְיִהְיֶה** אוּן וֶועט אֵייבִּיג זַיין.

3) **אֲנִי מַאֲמִין** אִיךְ גְלֵייב, **בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה** מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, **שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ** אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, **אֵינוֹ גוּף** אִיז נִישְׁט קַיין קֶערְפֶּער, **וְלֹא יַשִּׂיגוּהוּ מַשִּׂיגֵי הַגּוּף** אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם זַאךְ וָואס הָאט צוּ טוּן מִיט אַ קֶערְפֶּער, **וְאֵין לוֹ שׁוּם דִּמְיוֹן כְּלָל** אוּן מֶען קֶען אִים נִישְׁט צוּגְלַייכְן צוּ קַיין שׁוּם זַאךְ.

4) **אֲנִי מַאֲמִין** אִיךְ גְלֵייב, **בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה** מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, **שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ** אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, **הוּא רִאשׁוֹן** עֶר אִיז דֶער עֶרְשְׁטֶער, **וְהוּא אַחֲרוֹן** אוּן עֶר וֶועט זַיין דֶער לֶעצְטֶער.

5) **אֲנִי מַאֲמִין** אִיךְ גְלֵייב, **בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה** מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, **שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ** אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, **לוֹ לְבַדּוֹ** נָאר צוּ אִים אַלֵיין, **רָאוּי לְהִתְפַּלֵּל** דַארְף מֶען בֶּעטְן, **וְאֵין רָאוּי** אוּן עֶס אִיז נִישְׁט וֶוערְד, **לְהִתְפַּלֵּל** צוּ בֶּעטְן, **לְזוּלָתוֹ** פוּן קֵיינֶעם אַנְדֶערְשׁ.

6) **אֲנִי מַאֲמִין** אִיךְ גְלֵייב, **בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה** מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, **שֶׁכָּל דִּבְרֵי נְבִיאִים אֱמֶת** אַז אַלֶע וֶוערְטֶער פוּן דִי נְבִיאִים זֶענֶען אֱמֶת׳דִיג.

7) **אֲנִי מַאֲמִין** אִיךְ גְלֵייב, **בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה** מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, **שֶׁנְּבוּאַת מֹשֶׁה רַבֵּנוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם** אַז דִי נְבוּאָה פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, **הָיְתָה אֲמִתִּית**

אִיז אֱמֶת׳דִיג, וְשֶׁהוּא הָיָה אָב לַנְּבִיאִים אוּן אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעוֶוען דִי טַאטֶע פוּן אַלֶע נְבִיאִים, לַקּוֹדְמִים לְפָנָיו דִי וָועלְכֶע זֶענֶען גֶעוֶוען פַאר אִים, וְלַבָּאִים אַחֲרָיו אוּן פַאר אַלֶע וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען נָאךְ אִים.

**8)** אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייב, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, שֶׁכָּל הַתּוֹרָה אַז דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, הַמְּצוּיָה עַתָּה בְּיָדֵינוּ וָואס מִיר הָאבְּן הַיינְט, הִיא הַנְּתוּנָה הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעגֶעבְּן, לְמֹשֶׁה רַבֵּנוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ.

**9)** אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייב, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, שֶׁזֹּאת הַתּוֹרָה אַז דִי תּוֹרָה וָואס מִיר הָאבְּן, לֹא תְהֵא מֻחְלֶפֶת וֶועט נִישְׁט פַארְטוּישְׁט וֶוערְן, וְלֹא תְהֵא אוּן עֶס וֶועט נִישְׁט זַיין, תּוֹרָה אַחֶרֶת קַיין אַנְדֶערֶע תּוֹרָה, מֵאֵת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**10)** אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייב, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, יוֹדֵעַ כָּל מַעֲשֵׂה בְנֵי אָדָם וֵוייסְט אַלֶעס וָואס מִיר טוּעֶן אוּן וָואס אַנְדֶערֶע טוּעֶן, וְכָל מַחְשְׁבוֹתָם אוּן אַלֶעס וָואס מִיר טְרַאכְטְן אוּן וָואס אַנְדֶערֶע טְרַאכְטְן, שֶׁנֶּאֱמַר אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים לג, טו): ׳הַיֹּצֵר יַחַד לִבָּם׳ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן אַלֶע הֶערְצֶער, ׳הַמֵּבִין אֶל כָּל מַעֲשֵׂיהֶם׳ אוּן עֶר וֵוייסְט אַלֶעס וָואס מֶען טוּט.

**11)** אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייב, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, גּוֹמֵל טוֹב בַּאצָאלְט שְׂכַר, לְשׁוֹמְרֵי מִצְוֹתָיו פַאר דִי וָואס טוּעֶן דִי מִצְוֹת, וּמַעֲנִישׁ אוּן עֶר בַּאשְׁטְרָאפְט, לְעוֹבְרֵי מִצְוֹתָיו דִי וָואס פָאלְגְן נִישְׁט זַיינֶע מִצְוֹת.

**12)** אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייב, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, בְּבִיאַת הַמָּשִׁיחַ אַז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, וְאַף עַל פִּי שֶׁיִּתְמַהְמֵהַּ אוּן אֲפִילוּ עֶס נֶעמְט שׁוֹין אַזַא לַאנְגֶע צַייט, עִם כָּל זֶה אֲחַכֶּה לּוֹ בְּכָל יוֹם מִיט דֶעם וָוארְט אִיךְ יֶעדְן טָאג, שֶׁיָּבוֹא אַז עֶר זָאל קוּמֶען.

**13)** אֲנִי מַאֲמִין אִיךְ גְלֵייב, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, שֶׁתִּהְיֶה תְּחִיַּת הַמֵּתִים עֶס וֶועט זַיין תְּחִיַּת הַמֵּתִים, בְּעֵת שֶׁיַּעֲלֶה רָצוֹן מֵאֵת

**הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דָאס טוּן, וְיִתְעַלֶּה זִכְרוֹ לָעַד וּלְנֶצַח נְצָחִים אוּן עֶס וֶועט דֶערְהוֹיבְּן וֶוערְן זַיין נָאמֶען פַּאר אֵייבִּיג.**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶעג מֶען גֵיין מִיט אַ הַאנְט זֵייגֶער?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת וַיֵּצֵא, ה׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ טְבֶרְיָ׳**

אִיךְ בַּאקוּם גוּטֶע גְרִיסְן אַז דוּ לֶערְנְסְט פְלַייסִיג אוּן דוּ פִירְסְט זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אִין חֵדֶר.

יֶעצְט אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן אִיז דִי בֶּעסְטֶע צַייט אִין לֶעבְּן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קנד.): "יַנְקוּתָא כְּלִילָא דְוַרְדָא", דִי יוּנְגֶע יָארְן אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע חֵלֶק פוּנֶעם רוֹיז, דִי בֶּעסְטֶע צַייט אִין לֶעבְּן; נוּץ אוֹיס דִי צַייט פַּאר לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען.

אוֹיף דַיין פְרַאגֶע אוֹיב עֶס אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ צוּ טְרָאגְן אַ הַאנְט זֵייגֶער אָדֶער נִישְׁט; אַ טֵייל זָאגְן עֶס אִיז אַזוֹי וִוי אַ קִידוּשִׁין רִינְגְל פַאר׳ן יֵצֶר הָרָע, אַנְדֶערֶע זָאגְן עֶס אִיז גָאר גוּט, עֶס הֶעלְפְט מֶען זָאל נִישְׁט מְבַטֵּל זַיין קַיין צַייט פוּן לֶערְנֶען.

מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעגַאנְגֶען אַ הַאנְט זֵייגֶער, גֶעבּוֹיט אוֹיף דִי בְּרִיוו וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט פַּאר זַיין זוּן צְוֵויי וָואכְן אֵיידֶער זַיין הִסְתַּלְקוּת (עָלִים לִתְרוּפָה יוֹם א׳ וַיֵּשֶׁב, שְׁנַת תר״ה): "אֲהוּבִי בְּנִי חֲבִיבִי" צוּ מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער זוּן, "יְקַבֵּל הַזֵּייגֶירִיל" נֶעם מַיין זֵייגֶער, "וְיִשְׁתַּדֵּל שֶׁיְּתַקְּנוּ אוֹתוֹ מִיָּד" אוּן זֶע עֶס צוּ פַארֶעכְטְן גְלַייךְ, "בְּאֹפֶן שֶׁיֵּחָזֵר לְיָדִי הַיּוֹם עַל יְדֵי מוֹסֵר כְּתָב זֶה" אוּן שִׁיק עֶס מִיר נָאךְ הַיינְט צוּרִיק מִיט דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס גֶעבְּט דִיר אִיבֶּער מַיין בְּרִיוו, "וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יָאִיר עָלֵינוּ אוֹר קְדֻשַּׁת חֲנֻכָּה הַקָּדוֹשׁ, הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה", אוּן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז לִיכְטִיג מַאכְן אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן חֲנוּכָּה,

"וּבְחַסְדּוֹ יִשְׁלַח אוֹרוֹ וַאֲמִתּוֹ וְכוּ'" און אונְז שִׁיקְן זַיינֶע חֲסָדִים, "נָגִילָה וְנִשְׂמְחָה בִּישׁוּעָתוֹ" מִיר זָאלְן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף.

"גַּם יְקַבֵּל מִכְתָּבִים מִטְשֶׁעהְרִין וְיִמְסְרֵם לְהַשַּׁיָּכִים אֲלֵיהֶם" אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אִיבֶּערְנֶעמֶען אַלֶע בְּרִיוו און דָאס אִיבֶּערְגֶעבְּן פַּאר וועם מֶען דַארְף דָאס אִיבֶּערְגֶעבְּן, "וְשָׁלוֹם לְכָל אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ בְּאַהֲבָה רַבָּה" און לָאז גְרִיסְן אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

"לְר' נַחְמָן נֵרוֹ יָאִיר אֲנִי מַזְהִיר" און רֶבִּי נַחְמָן וָוארְן אִיךְ זֵייעֶר אָן, "שֶׁיְּבַלֶּה הַיּוֹם אֵיזֶה שָׁעוֹת וְיַעֲמֹד עַל הַזֵּייגֶער מַאכֶער" עֶר זָאל פַארְבְּרֶענְגֶען אַסַאךְ צַייט הַיינְט בַּיים זֵייגֶער מַאכֶער, "שֶׁיִּגְמֹר תִּקּוּן הַזֵּייגֶירִיל הַיּוֹם בְּכִי טוֹב" עֶר זָאל נָאךְ הַיינְט צוּעֶנְדִיגְן פַארֶערְכְטְן דִי זֵייגֶער, "וְגַם אַתָּה תֵּלֵךְ עִמּוֹ וּתְבַקֵּשׁ מֵהַזֵּייגֶער מַאכֶער שֶׁיְּתַקְּנוֹ מִיָּד" און דוּ מַיין טַייעֶרֶער זוּן זָאלְסְט אוֹיךְ אַהִין גֵיין און זֶען עֶר זָאל דָאס עֶנְדִיגְן נָאךְ הַיינְט, "וּמִן הַסְּתָם תַּעֲשׂוּ עַל צַד הַיּוֹתֵר טוֹב" און דוּ וֶועסְט זִיכֶער זֶען עֶר זָאל דָאס גוּט פַארֶערְכְטְן, "כִּי יְדַעְתֶּם כַּמָּה מֻכְרָח לִי הַזֵּייגֶער בְּכָל שָׁעָה" וַוייל דוּ וֵוייסְט זִיכֶער וִוי וִוירְטִיג דֶער זֵייגֶער אִיז פַאר מִיר; גֶעבּוֹיט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער וָואס רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט אִיז מוֹהֲרָא"שׁ גֶעגַאנְגֶען מִיט אַ זֵייגֶער.

אִיךְ גֵיי נִישְׁט מִיט אַ הַאנְט זֵייגֶער וַוייל בַּיי אוּנְז אִין דִי מִשְׁפָּחָה אִיז דָאס נִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען. דָאס בֶּעסְטֶע אִיז זָאלְסְט פְרֶעגְן דַיין טַאטֶע נֵרוֹ יָאִיר, עֶר זָאל דִיר זָאגְן אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט יָא גֵיין דֶערְמִיט אָדֶער נִישְׁט, אוֹיבּ דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס אִיז אָנְגֶענוּמֶען בַּיי אַייךְ.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעווּאוֹינֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ אִין דַיין שְׁפְּרַאךְ, אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, און זָאלְסְט שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ; וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

שְׁרַייבּ מִיר וַוייטֶער אַלֶע דַיינֶע פְּרַאגֶעס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וואו אִיז דֶער גַן עֵדֶן?**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת וַיֵּצֵא, ו' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי עֵצָה פַאר פְּחָדִים, עֶנְקְזַייעֶטִי וְכוּ' - אִיז אֱמוּנָה, נָאר אֱמוּנָה הֵיילְט אוֹיס פוּן דִי אַלֶע שְׁוֶועדֶע פַּיין וָואס פַּייניגְט דֶעם נֶפֶשׁ.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ה): "הָעִקָּר הוּא הָאֱמוּנָה" דֶער עִיקָר אִין לֶעבְּן אִיז אֱמוּנָה, גְלֵייבְּן אִין אֵייבֶּערְשְׁטְן, גְלֵייבְּן אַז עֶר אִיז אַלֶעס, עֶר טוּט אַלֶעס, "וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד לְחַפֵּשׂ אֶת עַצְמוֹ וּלְחַזֵּק אֶת עַצְמוֹ בֶּאֱמוּנָה" מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה, גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס אִיז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. "כִּי יֵשׁ סוֹבְלֵי חֳלָאִים" וַוייל עֶס זֶענֶען דָא וָואס לַיידְן, "שֶׁיֵּשׁ לָהֶם מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת" זֵיי הָאבְּן זֵייעֶר שְׁטַארְקֶע פַּיין, "וְהֵם סוֹבְלִים הֶחֳלָאִים רַק בִּשְׁבִיל נְפִילַת הָאֱמוּנָה" דִי פַּיין קוּמְט נָאר פוּן חִסָרוֹן אֱמוּנָה. דָא רֶעדְט דֶער רֶבִּי פוּן אַלֶע סָארְט גֵייסְטִישֶׁע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אַלֶעס נֶעמְט זִיךְ פוּן נִישְׁט זַיין שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה, "כִּי עַל יְדֵי נְפִילַת הָאֱמוּנָה", וַוייל אַז מֶען פַאלְט פוּן דִי אֱמוּנָה, "בָּאִים מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת", קוּמְט אָן דִי שְׁטַארְקֶע פַּיין, "שֶׁאֵין מוֹעִיל לָהֶם לֹא רְפוּאוֹת", אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ קֶען נִישְׁט הֵיילְן דִי פַּיין אוּן צַעַר; נִישְׁט קַיין מֶעדֶעצִין, "וְלֹא תְּפִלָּה", נִישְׁט קַיין תְּפִילוֹת, "וְלֹא זְכוּת אָבוֹת", אוּן נִישְׁט זְכוּת אָבוֹת, נָאר אֵיין רְפוּאָה אִיז דָא - אֱמוּנָה.

אֱמוּנָה אִיז דֶער יְסוֹד פוּן אִידִישְׁקֵייט, אֱמוּנָה קְלֶעבְּט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ פָּאר אִין זַיין מֹחַ אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אֵיין שְׁטִיק אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן עֶר שְׁטֵייט אִינְדֶערְמִיט, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע הֲנָאָה אוּן גֶעשְׁמַאק וָואס מֶען קֶען הָאבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט, מֶען שְׁפִּירְט שׁוֹין אוֹיף דִי וֶועלְט דִי גֶעוַואלְדִיגֶע גוּטֶע גֶעשְׁמַאק אוּן הֲנָאָה פוּן גַן עֵדֶן. אוּן צוּ דֶעם קֶען מֶען נָאר זוֹכֶה זַיין וֶוען מֶען לֵייגְט זִיךְ אַרַיין אִין דִי פְּשׁוּטֶ'ע אֱמוּנָה, צוּ גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ רֶעדְן צוּ אִים מִיט תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּ זַיין חָבֵר אוּן אַזוֹי וִוי אַ קִינְד רֶעדְט צוּ זַיין טַאטְן.

לֶערְן אַבִּיסְל חוּמָשׁ. טֵייל אֵיין דִי פַּרְשָׁה לוֹיט דִי טֶעג פוּן דִי וָואךְ; זוּנְטָאג זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען חוּמָשׁ, תַּרְגּוּם מִיט רַשִׁ״י - בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא יֶעדְן טָאג, אַ בְּלַאט גְמָרָא אִיז לֶעבְּן. וֶוען מֶען לֶערְנְט גְמָרָא שְׁפִּירְט מֶען טַעַם גַּן עֵדֶן; אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דָאס לֶערְנֶען, אֲפִילוּ נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער - אִיז טַעַם גַּן עֵדֶן.

מוֹהֲרָא״שׁ דֶערְצֵיילְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק דֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל גֶעלֶערְנְט גְמָרָא, אוּן אִינְמִיטְן לֶערְנֶען הָאט עֶר אַיינְגֶעדְרִימְלְט. עֶר חָלוֹמְ׳ט זִיךְ וִוי עֶר זֶעט דִי הֵיילִיגֶע תַּנָאִים, גֶעבְּט עֶר זֵיי אַ פְּרֶעג: ״זָאגְט מִיר, וואוּ אִיז דֶער גַּן עֵדֶן? אִיךְ וִויל גֵיין צוּם גַּן עֵדֶן״, עֶנְטְפֶערְט אִים אַ תַּנָא: ״דֶער גַּן עֵדֶן אִיז דָא״; וַוייל וֶוען מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה, מֶען לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא - אִיז דָאס דִי גְרֶעסְטֶע גַּן עֵדֶן.

מָארְגְן וֶועט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם זַיין דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר. קוּם זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת אוּן חִיזוּק, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַן אַנְדֶערֶע שַׁבָּת, דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת נָאכְן הֶערְן דִי שֵׁיינֶע חִיזוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי״ן.

דֶעם שַׁבָּת וֶועל אִיךְ נִישְׁט זַיין אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**רֶעד צוּם קִינְד פוּן דִי הֵיילִיגְקֵייט פוּן פֵּאוֹת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ו׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ דַיין זוּן נֵרוֹ יָאִיר וְכוּ׳; וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן, עֶס מַאכְט זִיךְ בַּיי קִינְדֶער אַז זֵיי שְׁפִּילְן זִיךְ מִיט אַ שֶׁערְל אוּן שְׁניידְן אַרָאפּ אַבִּיסְל פֵּאוֹת, אוּן אַז דֶער מְלַמֵד הָאט אִים שׁוֹין גֶעגֶעבְּן אַפָּאר פֶּעטְשְׁלֶעךְ - זָאלְסְטוּ נוּצְן דִי

גֶעוֶוער, דִי מוֹיל; רֶעד צוּ אִים פוּן דִי הֵיילִיגְקֵייט פוּן פֵּאוֹת, וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ דִי פֵּאוֹת, אוּן אוֹיבּ מֶען שְׁנַיידְט דִי פֵּאוֹת - שְׁנַיידְט מֶען אָפּ דִי שֵׂכֶל.

חִינוּךְ הַיְלָדִים אִיז אַ שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, אָבֶּער עֶס לוֹינְט זִיךְ; מִיט אַסַאךְ סַבְלָנוּת אוּן תְּפִלָּה - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ שְׁנַיידְן שֵׁיינֶע פֵּירוֹת.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לָאזְן אַפָּאר טְרֶערְן פַאר דִי קִינְדֶער; זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיךְ, זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן צַדִיקִים.

מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וִוי אַזוֹי עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועןן צוּ אַזֶעלְכֶע גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "יֶעדֶע נַאכְט בְּשָׁעַת אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט תִּיקוּן חֲצוֹת הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעפִילְט אַ כּוֹס מִיט טְרֶערְן, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן פַאר גוּטֶע קִינְדֶער"; דָאס אִיז דֶער וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶער אֵיידְל אוּן בַּאשֵׁיידְן, בְּרֶענְגְט מֶער פַּרְנָסָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ו' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ צוּ הֶערְן אַז אִיר הָאט זִיךְ פָארְגֶענוּמֶען צוּ גֵיין מֶער אֵיידְל אוּן בַּאשֵׁיידְן, אוּן אַז דִי מַצָּב הַפַּרְנָסָה הָאט זִיךְ פַארְבֶּעסֶערְט. דִי סִיבָּה פַארְוָואס עֶס הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן קוּמֶען פַאר עֶנְק מֶער שֶׁפַע, דִי פַּרְנָסָה אִיז גְרִינְגֶער אוּן בְּרֵייטֶער - אִיז נָאר וַוייל אִיר גֵייט אָנְגֶעטוּן מֶער אֵיידְל.

דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶעס גֵייט אַייךְ בֶּעסֶער. טְרַייבְּט אַרוֹיס דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת: 'אֶפְשָׁר גֵייט אֵיין טָאג זַיין עֶפֶּעס אַ צָרָה פַאר מִיר?' דִי מַחֲשָׁבָה וָואס קוּמְט אַייךְ אַרַיין, אַז אוֹיבּ אַלֶעס גֵייט גוּט - אֶפְשָׁר גֵייט בַּאלְד נִישְׁט גוּט גֵיין, וַוייל יֶעדֶער מוּז לַיידְן וְכוּ'; וֶוער הָאט אַייךְ דָאס גֶעזָאגְט, אַז

מֶען מוּז לַיידְן? מֶען מוּז נִישְׁט לַיידְן, אַז מֶען לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען גֵייט אָנְגֶעטוּן צְנִיעוּת'דִיג - לַיידְט מֶען נִישְׁט.

דֶער חָכָם מִכָּל אָדָם זָאגְט (קֹהֶלֶת ז, יד): "בְּיוֹם טוֹבָה, הֱיֵה בְטוֹב", אִין אַ גוּטֶע טָאג זָאלְסְטוּ הַנָאָה הָאבְּן פוּן דָאס גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט דִיר, "וּבְיוֹם רָעָה רְאֵה", אוּן אִין אַ שְׁלֶעכְטֶע טָאג, וֶוען עֶס גֵייט נִישְׁט גוּט - טַייטְשְׁט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי - (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן לג, אוֹת ג): "קוּק גוּט וֶועסְטוּ זֶען אַז אִין דִי שְׁוֶועריקַייטְן אִיז אוֹיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער".

זַייט מְחַזֵק אַייעֶר מַאן עֶר זָאל קוּמֶען צוּ דִי שִׁיעוּרִים לֵיל שִׁישִׁי, עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ בְּלַייבְּן צוּגֶעבִּינְדְן צוּם רֶבִּי'ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט רַחֲמָנוּת, נִישְׁט מִיט סְטְרַאשֶׁען**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם שַׁבָּת בִּין אִיךְ גֶעוֶוען מִיט מַיין מִשְׁפָּחָה אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין שַׁבָּת מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

גְלֵייבּ מִיר, דָאס וָואס מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, וואוּ עֶס קוּמֶען זִיךְ צַאם אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ לוֹינְט זִיךְ צוּ קוּמֶען פוּן יֶענֶע עֶק וֶועלְט אַרַיינְשְׁטֶעקְן דֶעם קָאפּ צוּ מִיטְהַאלְטְן דִי דִיבּוּרִים - דָאס הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁפִּירְט שַׁבָּת. יֶעדֶע מִינוּט וָואס מֶען הָאט גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ - אִיז גֶעוֶוען אַזֶעלְכֶע חִיזוּק, אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער - כְּמַיִם קָרִים, אַזוֹי וִוי קַאלְט וַואסֶער פַאר אַן אָפְּגֶעמַאטֶערְטֶער. סַיי פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס, שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי פַארְ'ן דַאוֶונֶען, נָאכְן דַאוֶונֶען, שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת אוּן מְלַוֶה מַלְכָּה.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵר זַיין, אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר נָאר אַפָּאר וֶוערְטֶער מַמָשׁ אוֹיפְ'ן שְׁפִּיץ גָאפְּל, וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט שַׁבָּת.

פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן נִישְׁט הָאבְּן קַיין טַעֲנוֹת

אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל מֶען נִישְׁט סְטְרַאשֶׁען. מֶען זֶעט אִין דִי פַּרְשָׁה, רָחֵל הָאט גֶעבֶּעטְן יַעֲקֹב (בְּרֵאשִׁית ל, א): "הָבָה לִּי בָנִים" גֶעבּ מִיר אַ בְּרָכָה פַאר קִינְדֶער, "וְאִם אַיִן מֵתָה אָנֹכִי" אַז נִישְׁט - בִּין אִיךְ אַ טוֹיטֶע, שְׁטֵייט (שָׁם, ב): "וַיִּחַר אַף יַעֲקֹב בְּרָחֵל" יַעֲקֹב הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶערֶעגְט אוֹיף רָחֵל. זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ, פַארְוָואס הָאט זִיךְ יַעֲקֹב גֶעבֵּייזֶערְט אוֹיף רָחֵל? וָואס הָאט רָחֵל דָא שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּן? וָואס דֶען דַארְף אַ פְרוּי טוּן וֶוען זִי זֶעט אַז זִי הָאט נִישְׁט קַיין קִינְדֶער, נָאר גֵיין בֶּעטְן פוּן אַ צַדִּיק אַ בְּרָכָה, אוּן דָאס הָאט זִי דָאךְ גֶעטוּן! זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ, זִי הָאט זֵייעֶר גוּט גֶעטוּן מִיטְן בֶּעטְן 'הָבָה לִּי בָנִים' גֶעבּ מִיר אַ בְּרָכָה אוֹיף קִינְדֶער, אָבֶּער 'וְאִם אַיִן מֵתָה אָנֹכִי' אַז נִישְׁט בִּין אִיךְ אַ טוֹיטֶע - דָאס זָאגְט מֶען נִישְׁט; וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען בֶּעט אַ בְּרָכָה פוּן אַ צַדִּיק - בֶּעט מֶען וָואס מֶען דַארְף, אָבֶּער נִישְׁטָא קַיין סְטְרַאשֶׁען, נִישְׁטָא קַיין 'אוֹיבּ נִישְׁט'.

מִיר זֶענֶען אַרַיין אִין אַ שֵׁיינֶע שְׁמוּעֶס פוּן דִי פָארִיגֶע וָואכֶעדִיגֶע פַּרְשָׁה, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיסְגֶעהֶערְט יִצְחָק אָבִינוּ'ס תְּפִילּוֹת, וַוייל אֵינוֹ דוֹמֶה תְּפִילַּת צַדִּיק בֶּן צַדִּיק לִתְפִלַּת צַדִּיק בֶּן רָשָׁע; לִכְאוֹרָה דַארְף וֶוען זַיין פַארְקֶערְט, רִבְקָה הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען, זִי אִיז אַוֶועק פוּן דִי טְרֵיפָה'נֶע שְׁטוּבּ פוּן בְּתוּאֵל אוּן לָבָן, זִי אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם צַדִּיק, זִי הָאט זִיךְ אָנְגֶעטוּן מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס אֵיידְלְקֵייט, דַארְף מֶען אִיר דָאךְ אוֹיסְהֶערְן אוּן אִיר גֶעבְּן וָואס זִי בֶּעט! דֶער עֶנְטְפֶער אִיז, טַאקֶע וֶועגְן דִי קַשְׁיָא הָאט מֶען נִישְׁט צוּגֶעהֶערְט אִירֶע תְּפִילּוֹת, וַוייל תְּפִלָּה דַארְף צוּגֵיין בְּאוֹפֶן מַתְּנַת חִינָם, בַּיי תְּפִלָּה בֶּעט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, עֶס קוּמְט מִיר גָארְנִישְׁט, אִיךְ בֶּעט דִיר אַן אוּמְזִיסְטֶע מַתָּנָה".

אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קצו): "אָסוּר לָאָדָם לַעֲמֹד עַצְמוֹ עַל שׁוּם דָּבָר, הַיְנוּ שֶׁאָסוּר לְהִתְעַקֵּשׁ בִּתְפִלָּתוֹ, שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יַעֲשֶׂה לוֹ דַּוְקָא אֶת בַּקָּשָׁתוֹ וְכוּ'" אַ מֶענְטְשׁ טָאר זִיךְ נִישְׁט אַיינְ'עַקְשֶׁנְ'ען בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוּז מִיט אִים טוּן אַזוֹי וִוי עֶר וִויל. "רַק צָרִיךְ לְהִתְפַּלֵּל וּלְהִתְחַנֵּן לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּרַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים, אִם יִתֵּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, יִתֵּן, וְאִם לָאו לָאו" נָאר מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם

אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט רַחְמָנוּת, אַזוֹי וְוִי מֶען בֶּעט זִיךְ בַּיי אֵיינֶעם עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן; אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן אִיז גוּט, אוּן אַז עֶר וֶועט אִים נִישְׁט נָאכְגֶעבְּן - אִיז נִישְׁט. מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ב, יג): "אַל תַּעַשׂ תְּפִלָּתְךָ קֶבַע", קֶבַע אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן גְּזֵלָה, אַזוֹי וְוִי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי כב, כג): "'וְקָבַע אֶת קֹבְעֵיהֶם נָפֶשׁ', הַיְנוּ שֶׁכָּל מַה שֶּׁהוּא מְבַקֵּשׁ, הֵן פַּרְנָסָה אוֹ בָּנִים אוֹ שְׁאָר צְרָכִים, אָסוּר לְהִתְעַקֵּשׁ וְלַעֲמֹד עַצְמוֹ בִּתְפִילָּתוֹ, שֶׁדַּוְקָא יַעֲשֶׂה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אֶת תְּפִילָּתוֹ", וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף פַּרְנָסָה, אוֹיף קִינְדֶער אָדֶער אַנְדֶערֶע גֶעבֶּעטְן - טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט אַיינְ'עַקְשֶׁנֶ'ען אַז עֶס מוּז זַיין אַזוֹי וְוִי עֶר וִויל, "כִּי זֶה הוּא תְּפִילַּת קֶבַע, שֶׁלּוֹקֵחַ הַדָּבָר בְּחָזְקָה בִּגְזֵלָה, רַק יִתְפַּלֵּל רַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים כַּנַּ"ל".

טַאקֶע דֶערְפַאר הָאט מֶען צוּגֶעהֶערְט יִצְחָק'ס תְּפִילוֹת. וַוייל רִבְקָה, וֶוען זִי הָאט גֶעבֶּעטְן אִיז דָאס גֶעוֶוען אַ תְּפִלָּה וָואס קוּמְט מִיר, 'אִיךְ בִּין אַ צַדֵּיקֶת בַּת רָשָׁע, קוּק וָואס אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַלְץ גֶעטוּן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף אִיךְ אַ קִינְד'; אַזוֹי בֶּעט מֶען נִישְׁט. וִוידֶערְאוּם יִצְחָק אָבִינוּ, אַ זוּן פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ - הָאט נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט וְוִי עֶר הָאט עֶפֶּעס גֶעטוּן אַז עֶס קוּמְט אִים, עֶר בֶּעט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, גֶעבּ מִיר אַ קִינְד".

מִיר הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען מִיט דִי זַאךְ וְוִי אַזוֹי צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶס אִיז גֶעוֶוען נָאךְ אַסַאךְ שֵׁיינֶע שְׁמוּעֶסְן; אִיךְ וֶועל דִיר דָאס שְׁרַייבְּן אִין אַ צְוֵוייטֶע גֶעלֶעגֶנְהֵייט.

בַּיי סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס. (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יג) וְוִי דִי חָתָן כַּלָּה הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעבֶּענְקְט בַּיי דִי חֲתוּנָה צוּ דִי בֶּעטְלֶערְס, מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט אַז וֶוען מֶען הָאט חֲתוּנָה, מֶען ווִיל הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ, מֶען ווִיל הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת - דַארְף מֶען הָאבְּן דִי בְּלִינְדֶע בֶּעטְלֶער; נִישְׁט קוּקְן אוּן זוּכְן אִין דִי וַוייבּ חֶסְרוֹנוֹת, נִישְׁט אַלֶעס דַארְף מֶען זֶען, נִישְׁט אַלֶעס דַארְף מֶען בַּאמֶערְקְן. אַזוֹי וְוִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת נג:): "מַעֲשֶׂה בְּאָדָם אֶחָד שֶׁנָּשָׂא אִשָּׁה גִּדֶּמֶת" עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה, אַ מֶענְטְשׁ הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ גִּדֶּמֶת, אַ פְרוֹי אָן הֶענְט, "וְלֹא הִכִּיר בָּהּ

עַד יוֹם מוֹתָהּ" עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוִויסְט בִּיז זִי אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן אַז זִי אִיז גֶעוֶוען אַ פְּרוֹי אָן הֶענְט, אוּן דִי גְמָרָא פִּירְט אוֹיס: "כַּמָּה צָנוּעַ אִישׁ זֶה" דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעמוּזְט זַיין זֵייעֶר אַן אֵיידֶעלֶער מֶענְטְשׁ, אַז עֶר זָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף זַיין וַוייבּ.

מִיט דִי הַקְדָמוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וִוי אַזוֹי מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרָא"שׁ - מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעהַאט אַ שְׁמַאטֶע אַרוּמְגֶעבִּינְדְן אוֹיף דִי אוֹיגְן אוּן נִישְׁט גֶעזֶען אַז עֶס פֶעלְט אִיר הֶענְט, נָאר עֶר הָאט פָּשׁוּט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף אִירֶע חֶסְרוֹנוֹת, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעמַאכְט אַן עֵסֶק פוּן דֶעם, עֶר הָאט גֶעזֶען נָאר דָאס גוּטְס אִין אִיר.

מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט צוּ אִינְגֶעלַייט זֵיי זָאלְן נִישְׁט זוּכְן חֶסְרוֹנוֹת אִין שְׁטוּבּ, נִישְׁט זוּכְן וִוי עֶס אִיז נִישְׁט מְסוּדָר אוּן וִוי עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעטוּן גֶעוָוארְן דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט וְכַדוֹמֶה, נָאר זַיין דֶער בְּלִינְדֶער בֶּעטְלֶער. אוּן אַז מֶען אִיז נָאכְנִישְׁט בַּיי דִי מַדְרֵגָה, מֶען זֶעט נָאךְ יָא חֶסְרוֹנוֹת, זָאל מֶען בֶּענְקֶען אוּן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ קְדוּשַּׁת עֵינַיִם, אִיךְ זָאל הָאבְּן גֶעזוּנְטֶע אוֹיגְן, נָאר זֶען גוּטְס אִין מִיר, אִין מַיין וַוייבּ אוּן אִין יֶעדְן אֵיינֶעם. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, וִוי נֶעמְט מֶען דֶעם בְּלִינְדְן בֶּעטְלֶער, וִוי אִיז מֶען זוֹכֶה נִישְׁט צוּ זֶען וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט? וִוי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ קוּקְן נָאר אוֹיף דָאס גוּטְס?" אוּן וֶוען דִי חָתָן כַּלָּה הָאבְּן גֶעבֶּענְקְט קוּמְט עֶר אַרַיין אוּן זָאגְט: "אִיךְ בִּין דָא, אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּ אַייךְ, אִיךְ גֶעבּ עֶנְךְ אַ מַתָּנָה גְמוּרָה דְּרָשָׁה גֶעשַׁאנְק", וַוייל דוּרְךְ בֶּעטְן אוּן בֶּענְקֶען אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דֶעם.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין, אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ שְׁרַייבְּן פוּן דִי שֵׁיינֶע שַׁבָּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אוֹיסְלֶערְנֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ פַאר דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י״א כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרַט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

גֵיי אִין מִקְוֶה אוּן גֵיי אִין שׁוּל, טוּ אָן טַלִית וּתְפִילִין; דָאס אִיז דַיין פַארְמֶעגְן, נָאר דָאס וֶועט דִיר בְּלַייבְּן, עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ אִיז נָאר צַייטְוַיילִיג. טוּ גָארְנִישְׁט אֵיידֶער דוּ גֵייסְט אִין מִקְוֶה זִיךְ טוֹבֵל׳ן, טוּ גָארְנִישְׁט אֵיידֶער דוּ גֵייסְט אִין שׁוּל מִיט טַלִית וּתְפִילִין. דַאוֶוען דַוְקָא מִיט מִנְיָן אוּן מִיט אַ סִידוּר, שְׁנַייד נִישְׁט שְׁטִיקְלֶעךְ פוּנֶעם דַאוֶוענֶען, זָאג דִי וֶוערְטֶער וִוי אַ תָּם, פוּן אָנְהוֹיבּ בִּיזְן סוֹף.

שַׁבָּת בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, דָארְט אִיז אַ רֵיינֶע פְּלַאץ, עֶס ווֹאוֹינֶען דָארְט שׁוֹין אִיבֶּער הוּנְדֶערְט מִשְׁפָּחוֹת; פָּשׁוּטְ׳עֶ מֶענְטְשְׁן, פָּשׁוּטְ׳עֶ אַרְבֶּעטָארֶערְס, אָבֶּער זֵיי פִירְן זִיךְ וִוי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים. יֶעדֶער אֵיינֶער - מִקָּטָן וְעַד גָּדוֹל - אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט אֱמוּנָה, יֶעדֶער הָאט שִׂיחוֹת פוּן רֶבִּי׳ן, מֶען לֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִיךְ הָאבּ אַזוֹי הֲנָאָה גֶעהַאט.

אִיךְ וָואלְט גֶעבְּלִיבְּן דָארְט ווֹאוֹינֶען, נָאר לְעֵת עַתָּה אִיז דִי יְשִׁיבָה אִין שְׁטָאט, אִין וִוילְיַאמְסְבּוּרְג - בִּין אִיךְ צוּרִיקְגֶעקוּמֶען; מַיין וַוייבּ תִּחְיֶ׳ ווִיל דָארְט בְּלַייבְּן, מַיינֶע קִינְדֶער וֵויינֶען יֶעדֶע מָאל מֶען פָארְט אַוֶועק אַז זֵיי ווִילְן דָארְט בְּלַייבְּן; אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי יְשִׁיבָה זָאל שׁוֹין קֶענֶען אַהִין גֵיין.

אַ גַאנְץ שַׁבָּת הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט נָאר דִיבּוּרִים פוּן רֶבִּי׳ן. פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס הָאבְּן זִיךְ צַאמְגֶעקְלִיבְּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מִיר הָאבְּן גֶעשְׁמוּעֶסְט פוּן חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת, אַז דֶער עִיקָר אִיז אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער דֶרֶךְ אֶרֶץ.

אִיךְ הָאבּ זֵיי דֶערְצֵיילְט, אַ מְלַמֵד דֶערְצֵיילְט מִיר וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט דִי וָואךְ. אֵיינֶער פוּן דִי קִינְדֶער הָאבְּן זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט אִין כִּתָּה אוּנְטֶער אִים, אוּנְטֶער זַיין רוּקְן אוּן גֶעמַאכְט אַ פַאקְס מִיט דִי הַאנְט אוֹיפְ׳ן נָאז, אוֹיפְ׳ן מְלַמֵד. דֶער מְלַמֵד הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן צוּ הָאבְּן בַּיי זִיךְ אִין כִּתָּה אַזַא קִינְד, עֶר צִיטֶערְט וָואס גֵייט דָא זַיין מִיט דֶעם קִינְד; וֶועט עֶר אוֹיסְוַואקְסְן אַ אִיד אָדֶער חַס וְשָׁלוֹם...

זָאג אִיךְ דֶעם מְלַמֵד, דֶער קִינְד אִיז נִישְׁט דִי פְּרָאבְּלֶעם, דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען; זֵיי זֶענֶען נִישְׁט מְחַנֵךְ זֵייעֶרֶע קִינְדֶער. אִיךְ בִּין זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג מִיט מַיינֶע קִינְדֶער אוֹיף דִי אֵיינֶע נְקוּדָה, אוֹיף דֶרֶךְ אֶרֶץ. אִיךְ זָאג שְׁטֶענְדִיג מַיינֶע קִינְדֶער: "קֶענְסְט אוֹיסְנוּצְן אַ פָּשׁוּט'עֶר וַואסֶער טְרֶעגֶער, אָבֶּער דֶרֶךְ אֶרֶץ מוּז זַיין, אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט מִיטְהַאלְטְן דָאס לֶערְנֶען - וֶועל אִיךְ דִיר גָארְנִישְׁט טוּן, אָבֶּער אַז אִיךְ וֶועל הֶערְן פוּן דַיינֶע מְלַמְדִים אַז דוּ פִירְסְט זִיךְ נִישְׁט מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ - וֶועל אִיךְ דִיר בַּאשְׁטְרָאפְן".

מוֹהֲרָא"ש הָאט מִיךְ אוֹיסְגֶעלֶערְנְט נִישְׁט צוּ זָאגְן מוּסָר אִין פָּנִים, נָאר זָאגְן מוּסָר מִיט חָכְמָה, רֶעדְן מוּסָר וָואס יֶענֶער דַארְף הֶערְן. אוּן אַזוֹי וִוי דֶער טַאטֶע אוּן מַאמֶע הָאבְּן זִיךְ גֶעפוּנֶען בַּיי דִי שְׁמוּעֶס הָאבּ אִיךְ אַריינְגֶעדְרֵייט דִי שְׁמוּעֶס אוֹיף דֶעם רִיכְטוּנְג.

דָארְט זֶענֶען גֶעוֶוען גֶעסְט וָואס וואוֹינֶען נִישְׁט אִין שְׁטֶעטְל, זֵיי הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט. שְׁפֶּעטֶער קוּמְט צוּ מִיר אֵיינֶער אוּן פְרֶעגְט מִיךְ: "דִי שְׁמוּעֶס אִיז אֱמֶת? דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז טַאקֶע מַסְכִּים צוּ הָאבְּן קִינְדֶער וַואסֶער טְרֶעגֶערְס?" זָאג אִיךְ אִים: "אִיךְ ווִיל הָאבְּן קִינְדֶער תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, אִיךְ ווִיל דָאס בֶּעסְטֶע פוּן זֵיי, אָבֶּער אִיךְ שְׁטֶעל זִיךְ נָאר אוֹיף דִי אֵיינֶע זַאךְ".

אִיךְ דֶערְצֵייל אִים: "יֶעדְן טָאג הֶער אִיךְ גְרוּסְן, עֶלְטֶערְן שְׁרַייבְּן מִיר סִיוּמִים פוּן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער. אִיךְ וֶועל דִיר זָאגְן דֶעם אֱמֶת, מַיינֶע קִינְדֶער לֶערְנֶען גָארְנִישְׁט, מַיינֶע קִינְדֶער שְׁפִּילְן, מַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען פַארְנוּמֶען מִיט אַלֶעס אוֹיסֶער מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא. אִיךְ טְרַייבּ זֵיי נִישְׁט צוּ לֶערְנֶען, אִיךְ שְׁטֶעל זִיךְ אוֹיף זֵייעֶר יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן אוֹיף זֵייעֶר דֶרֶךְ אֶרֶץ. וֶועט עֶר נִישְׁט עֶנְדִיגְן שַׁ"ס, וֶועט עֶר נִישְׁט עֶנְדִיגְן מִשְׁנַיוֹת - אָבֶּער אַ אִיד וֶועט עֶר זַיין. אִיךְ שְׁטֶעל זִיךְ זֵיי זָאלְן אָנְגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער, זֵיי זָאלְן לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, זֵיי זָאלְן רֶעדְן שֵׁיין צוּ עֶלְטֶערֶע אוּן בְּעִיקָר אִין חֵדֶר, אוּן אוֹיף דֶעם גֶעבּ אִיךְ פֶּעטְשׁ".

דִיר בֶּעט אִיךְ זֵייעֶר זָאלְסְט רֶעדְן צוּ דַיינֶע קִינְדֶער פוּן דֶרֶךְ אֶרֶץ. יֶעדְן טָאג וֶוען דִי קִינְדֶער גֵייעֶן אִין חֵדֶר אוּן אִין סְקוּל - זָאלְסְטוּ זֵיי זָאגְן מִיט אַן עֶרְנְסְטֶע פָּנִים: "אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ בִּיסְט פוּן דִי דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיגֶע קִינְדֶער", רוּף דַיינֶע קִינְדֶער'ס מְלַמְדִים אוּן פְרֶעג זֵיי: "וָואס מַאכְט מַיין

קִינְד?" און זָאג אִים: "זָאג מִיר דֶעם אֱמֶת, עֶר אִיז דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג?" און אַז דַיין קִינְד אִיז דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג - זָאלְסְטוּ רֶעדְן אִין שְׁטוּב פוּן דֶעם, און מַאכְן אַן עֵסֶק; אִים אוֹיסְלוֹיבְּן פַאר אַלֶע קִינְדֶער, און אַז נִישְׁט - זָאלְסְטוּ אִים גֶעבְּן אַ קְנַס, וַוייל אָן דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיז גָארְנִישְׁט דָא.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז נָאר דֶער וָואס צָאלְט שְׂכַר לִימוּד - דֶער וֶועט זֶען נַחַת בַּיי זַיינֶע קִינְדֶער, און דֶער וָואס לַאכְט זִיךְ אוֹיס פוּן צָאלְן שְׂכַר לִימוּד - דֶער וֶועט קַיין נַחַת נִישְׁט זֶען בַּיי דִי קִינְדֶער. עֶס הֶערְט זִיךְ שְׁרֶעקֶעדִיג; נִישְׁט אִיךְ זָאג דָאס, מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט דָאס; מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט דָאס בְּשֵׁם פְרִיעֶרְדִיגֶע צַדִיקִים. עֶס אִיז אַ פָּשׁוּטְ'עֶ שֵׂכֶל, וַוייל אַז חִינוּךְ הַבָּנִים אִיז אַ חוֹזֶק, מֶען מַאכְט זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג פוּן דִי מוֹסָד, מֶען לַאכְט פוּן דִי מוֹסָד, עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט נִישְׁט דִי קִינְדֶער - אִיז נִישְׁטָא קַיין הַצְלָחָה.

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין אַ פְּרוּוּעֶן צַאמְקוּם, זֶע אַז דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען קוּמֶען. בְּלַייבּ אִין שְׁטוּבּ, בְּלַייבּ דוּ מִיט דִי קִינְדֶער דָאס בִּיסְל צַייט אַז זִי זָאל זִיךְ קֶענֶען אַבִּיסְל אָנְפִילְן מִיט פְרִישֶׁע כֹּחוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**זָאג מִיר צוּ אַז דוּ גֵייסְט מֶער נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען דַיין וַוייבּ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ב כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

וָואס אִיז מִיט דִיר? פַארְוָואס בִּיסְטוּ אִין אַזַא עַצְבוּת און מָרָה שְׁחוֹרָה? מִיר הָאבְּן דָאךְ אַ רֶבִּי וָואס זָאגְט אוּנְז און הֵייסְט אוּנְז מִיר זָאלְן זַיין פְרֵיילִיךְ; פְרֵיילִיךְ אַז מֶען אִיז אַ אִיד, פְרֵיילִיךְ מִיט דִי גוּטֶע זַאכְן.

אַז דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵיילִיךְ - וֶועט דִיר זַיין גוּט, וַוייל אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ - וֶועסְטוּ זִיכֶער פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַלֶע אַרוּם דִיר; אָנְגֶעהוֹיבְּן בַּיי דַיין וַוייבּ און קִינְדֶער, און אַזוֹי וַוייטֶער; וֶועט אַלֶעס וֶוערְן מְסוּדָר.

טְשֶׁעפֶּע נִישְׁט דַיין וַוייבּ. אִיךְ בֶּעט דִיר, הֶער שׁוֹין אוֹיף, גֵיי שׁוֹין און

בֶּעט אִיר אִיבֶּער. מֶען טָאר נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען קֵיינֶעם און זִיכֶער נִישְׁט דִי וַוייבּ; אַז מֶען טְשֶׁעפֶּעט דִי וַוייבּ - בַּאקוּמְט מֶען אַ שְׁטְרָאף, מֶען דַארְף נָאכְדֶעם לַיידְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר נָאר אֵיין זַאךְ, אַז דוּ וֶועסְט מִיר דָאס גֶעבְּן - וֶועט דִיר גוּט זַיין. זָאג מִיר צוּ אַז דוּ גֵייסְט מֶער נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען דַיין וַוייבּ; מֶען קֶען נִישְׁט זַיין דָא אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אַז מֶען טְשֶׁעפֶּעט דִי וַוייבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### רֶעד צוּ דִי קִינְדֶער און צוּ דִי בָּחוּרִים פוּן זַיין הֵיילִיג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י״ב כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

זֵייעֶר גוּט, אַזוֹי זָאלְסְטוּ רֶעדְן. רֶעד צוּ דִי קִינְדֶער און צוּ דִי בָּחוּרִים פוּן זַיין הֵיילִיג; פוּן נִישְׁט אָנְרִירְן דֶעם אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ, און נִישְׁט קוּקְן אוֹיפְן אוֹת הַבְּרִית.

לֵיידֶער, אִין אַנְדֶערֶע מְקוֹמוֹת, רֶעדְט מֶען נִישְׁט פוּן קְדוּשָׁה; מֶען רֶעדְט צוּ קִינְדֶער און בָּחוּרִים פוּן תַּאֲווֹת אֲכִילָה וְכַדוֹמֶה, מֶען מַאכְט מְשׁוּגָע בָּחוּרִים, מֶען רֶעדְט מֶען זָאל נִישְׁט עֶסְן קַיין אֵייזְקְרִים; מֶען זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ עֶסְן אֵייזְקְרִים, תַּאֲווֹת עוֹלָם הַזֶה. אַנְשְׁטָאט דֶעם דַארְף מֶען רֶעדְן פוּן זַיין עֶרְלִיךְ און הֵיילִיג, נִישְׁט פּוֹגֵם זַיין בִּבְרִית.

רֶעד צוּ קִינְדֶער פוּן זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן מְנִיוָולִים, מַשְׁחִיתִים, קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### גֶעבּ דַיין צְדָקָה פַאר'ן בֵּית הַמֶדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין דַיין שְׁטָאט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ב כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ לָאנְדָאן, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר גְרֵייטְן זִיךְ צוּ עֶפֶענֶען אַ "בֵּית הַמֶדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" לָאנְדָאן.

ווִיל אִיךְ אַייךְ בֶּעטְן, גֶעבְּט אַייעֶר צְדָקָה, מַעֲשֵׂר וְחֹמֶשׁ - פַאר'ן בֵּית הַמֶדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין לָאנְדָאן. גֶעבְּן צְדָקָה פַארְן "בֵּית הַמֶדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" - אִיז עוֹלָה עַל הַכֹּל. דָאס מֵיין אִיךְ נִישְׁט נָאר לָאנְדָאן, נָאר וואוּ מֶען דַאוֶוענְט - דַארְף מֶען גֶעבְּן דִי צְדָקָה פַארְן בֵּית הַמֶדְרָשׁ וואוּ מֶען דַאוֶוענְט.

אִיךְ בַּאקוּם צְדָקָה פוּן אַ טֵייל פוּן אַייךְ, וְוִיל אִיךְ אַייךְ בֶּעטְן, עֶנְדֶערְשׁ שִׁיקְט מִיר נִישְׁט אַייעֶר גֶעלְט, גֶעבְּט דִי גֶעלְט בַּיי אַייךְ אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ - וֶועט אִיר הָאבְּן גְרוֹיסֶע זְכוּתִים.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵר זַיין, אִיךְ וֶועל עֶנְק נָאךְ שְׁרַייבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אַלֶע וָואס זָאגְן מִשְׁנַיוֹת מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט, זֶענֶען גְרוֹיסֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ג כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִשְׁנַיוֹת צֶעבְּרֶעכְט תַּאֲווֹת נִיאוּף. אַז דוּ וֶועסְט זָאגְן מִשְׁנַיוֹת טָאג נָאךְ טָאג, דוּ וֶועסְט דָאס טוּן מִיט אַן עַקְשָׁנוּת; דוּ וֶועסְט נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם וָואס דוּ הַאלְסְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה - רַחֲמָנָא לִצְלָן, דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק מִיט לִימוּד הַתּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה - וֶועסְטוּ אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיין פְּלָאנְטֶער, דוּ וֶועסְט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

הוֹיבּ אָן זָאגְן מִשְׁנַיוֹת אִין אַ רֵייעֶ דַוְקָא, זָאג אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק; דָאס וֶועט דִיךְ מַאכְן פַאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, קוּק נִישְׁט אוֹיף דֶעם אַז דוּ

פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט דָאס לֶערְנֶען. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶועןְ אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען, עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן (סִימָן עו) וואו דֶער רֶבִּי זָאגְט: "אֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד" מֶען דַארְף נִישְׁט בַּיים לֶערְנֶען, "רַק הָאֲמִירָה לְבַד" נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער. "לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר" זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אִין אַ רֵייעֶ, "וּמִמֵּילָא יָבִין" אוּן מֶען וֶועט שׁוֹין פוּן זִיךְ אַלֵיינְס פַארְשְׁטֵיין, "וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף" אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין - "יָבִין אַחַר כָּךְ" וֶועט מֶען שְׁפֶּעטֶער, מִיט דִי צַייט - פַארְשְׁטֵיין, עַיֵּין שָׁם.

טַעֲנָה נִישְׁט מִיט קַיין לֵצִים, טַעֲנָה נִישְׁט מִיט קַיין מְחוּצָּפִים; בְּעִיקָּר גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג פוּן דִי צְבוּעִים. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה כב:): "הִזָּהֲרוּ מִן הַצְּבוּעִים" גֶעבְּט זִיךְ אַכְטוּנְג פוּן דִי וָואס זֶעעֶן אוֹיס וִוי פִּנְחָס אוּן טוּעֶן מַעֲשֵׂה זִמְרִי; דִי אַלֶע וָואס שְׁפֶּעטְן פוּן לֶערְנֶען, אוּן שְׁפֶּעטְן פוּן צַדִּיקִים וָואס זֶענֶען מְגַלֶּה דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי וֶועלְט - דִי אַלֶע זֶענֶען בַּעֲלֵי עֲבֵירָה, גְרוֹיסֶע נוֹאֲפִים. אֲפִילוּ פוּן אִינְדְרוֹיסְן שְׁטֶעלְן זֵיי אַ פָּנִים וִוי פִּנְחָס - זֶענֶען זֵיי עוֹשֶׂה מַעֲשֵׂה זִמְרִי.

אִיךְ זָאג דִיר אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעזֶען בַּיי צֶענְדְלִיגֶער בָּחוּרִים אוּן צֶענְדְלִיגֶער אִינְגֶעלַייט; דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶעזָאגְט מִשְׁנָיוֹת מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט - זֶענֶען הַיינְט גְרוֹיסֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן. אֲפִילוּ דִי וָואס זֶענֶען גֶעלֶעגְן אִין עֶקְלְדִיגֶע מַעֲשִׂים רַחֲמָנָא לִצְלָן וָואס מֶען קֶען אֲפִילוּ נִישְׁט אַרָאפְּשְׁרַייבְּן, אַלֶע זֶענֶען זֵיי אַרוֹיסְגֶעקְרָאכְן פוּן דֶעם דוּרְךְ פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, נָאכְגֵיין מוֹהֲרָא"שׁ מִיט תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת; הַלְוַאי זָאלְסְטוּ שׁוֹין אוֹיךְ אָנְהוֹיבְּן פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן.

צָאל שְׂכַר לִימּוּד, אִיךְ קֶען נִישְׁט אָנְגֵיין מֶער נָאר אַז אַלֶע עֶלְטֶערְן הוֹיבְּן אָן צָאלְן שְׂכַר לִימּוּד. אִיךְ וֵויים אַז דוּ פְּלָאגְסְט זִיךְ, דוּ הָאסְט נִישְׁט, אָבֶּער פַאר עֶפֶּעס הָאסְטוּ יָא; לֶעקְטֶער צָאלְסְטוּ, אוּן נָאךְ זַאכְן צָאלְסְטוּ, בֶּעט אִיךְ דִיר לֵייג שְׂכַר לִימּוּד דִי עֶרְשְׁטֶע אוֹיף דִי לִיסְטֶע.

אָפְּהִיטְן זָאל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ וֶועל צַאמְבְּרֶעכְן אוּן נִישְׁט קֶענֶען מֶער אָנְגֵיין מִיט דִי מוֹסָד, וָואס וֶועסְטוּ דֶעמָאלְט טוּן?

**פַארְוָואס קוּמְט אָן אַזוֹי שְׁוֶוער יֶעדֶעס מָאל צוּ גֵיין הֲפָּצָה?**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ג כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה אַז דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר יֶעדְן טָאג אַלֶע פְּרָטִים פוּן דַיין גֵיין הֲפָּצָה פוּנֶעם טָאג; וְויפִיל צַייט, וואוּ דוּ בִּיסְט גֶעגַאנְגֶען אוּן וֶועלְכֶע סְפָרִים דוּ הָאסְט פַארְשְׁפְּרֵייט.

וואוֹיל אִיז דִיר אוּן וואוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ בִּיסְט מְקָרֵב נְשָׁמוֹת יִשְׂרָאֵל לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם; נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ וִוי דָאס פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי חִיזוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, פוּן מוֹהֲרַא"ש - פַאר נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל; זֵיי צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּ דִי אֱמוּנָה אוּן צוּ דִי תּוֹרָה.

וֵוייסְט פַארְוָואס עֶס קוּמְט אָן אַזוֹי שְׁוֶוער יֶעדֶעס מָאל צוּ גֵיין הֲפָּצָה? וַוייל הֲפָּצָה אִיז אַזוֹי הֵיילִיג, אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם לֵייגְט זִיךְ אִין דִי לֶענְג אוּן אִין דִי בְּרֵייט מֶען זָאל וֶוערְן פוֹיל אוּן מִיד נִישְׁט צוּ גֵיין הֲפָּצָה. קוּק וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר (תְּרוּמָה, קכח:): "תָּא חֲזֵי" קוּם אוּן זֶע, "כָּל מַאן דְּאָחִיד בְּיָדָא דְּחַיָּיבָא" יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס כַאפְּט אָן דִי הַאנְט פוּן אַ זִינְדִיגֶער מֶענְטְשׁ, "וְאִשְׁתָּדַל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא" אוּן עֶר מַאכְט אַז דֶער זִינְדִיגֶער מֶענְטְשׁ זָאל אָפְּלָאזְן דִי שְׁלֶעכְטֶע וֶועג - "אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סִלּוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא" אִיז זוֹכֶה צוּ דְרֵיי גְרוֹיסֶע זַאכְן וָואס אַנְדֶערֶע זֶענֶען נִישְׁט זוֹכֶה; "גָּרִים לְאַכְפְּיָא סִטְרָא אַחֲרָא" עֶרְשְׁטְנְס, עֶר נֶעמְט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט דִי טוּמְאָה, "וְגָרִים דְּאִסְתַּלַּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ" צְוֵוייטְנְס, עֶר מַאכְט גְרוֹיס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי וֶועלְט, "וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא" דְרִיטְנְס, עֶר מַאכְט דִי וֶועלְט זָאל הָאבְּן אַ קִיוּם, סַיי אוֹיבְן, אוּן סַיי דִי וֶועלְט דָא. "וְעַל הַאי בַּר נָשׁ כְּתִיב" אוּן אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטֵייט (מַלְאָכִי ב, ה): "בְּרִיתִי הָיְתָה אִתּוֹ הַחַיִּים וְהַשָּׁלוֹם" מַיין בּוּנְד אִיז מִיט אִים, עֶר וֶועט הָאבְּן לֶעבְּן אוּן שָׁלוֹם.

"וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי" דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ קִינְדֶער אוּן

אֵייניקְלֶעךְ, "וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא" עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן אוֹיף דִּי וֶועלְט, "וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי" אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ הָאבְּן עוֹלָם הַבָּא. "כָּל מָארֵי דִּינִין, לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי" קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן - נִישְׁט אוֹיף דִּי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי" זַיין נְשָׁמָה וֶועט קֶענֶען אָנְקוּמֶען אִין אַלֶע דְרַייצְן הֵיכָלוֹת אִין גַּן עֵדֶן, "וְלֵית מַאן דִּימְחֵי בִּידֵיהּ" אוּן קֵיינֶער וֶועט אִים נִישְׁט קֶענֶען צוּרִיק הַאלְטְן פוּן דֶעם, "וְעַל דָּא כְּתִיב" אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ זָאגְט דֶער פָּסוּק (תְּהִלִּים קיב): "גִּבּוֹר בָּאָרֶץ יִהְיֶה זַרְעוֹ, דּוֹר יְשָׁרִים יְבוֹרָךְ" עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ. "הוֹן וָעֹשֶׁר בְּבֵיתוֹ" אוֹיף דִּי וֶועלְט וֶועט עֶר הָאבְּן עֲשִׁירוּת, "וְצִדְקָתוֹ עוֹמֶדֶת לָעַד" אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וֶועט עֶר הָאבְּן עוֹלָם הַבָּא. "זָרַח בַּחֹשֶׁךְ אוֹר לַיְשָׁרִים" וְגוֹ' עֶר וֶועט שַׁיינֶען אִין לַייכְטְן, אוּן דִּי אַלֶע שְׁוַוארְצֶע טוּנְקֶעלֶע מַלְאָכִים וֶועלְן אִים גָארְנִישְׁט קֶענֶען טוּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז צְנִיעוּת זָאל נִישְׁט זַיין אַן אָפְּקוּמֶענִישׁ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ג כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט לִיבּ הָאבְּן אֵיידְלְקֵייט, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צְנִיעוּת זָאל אַייךְ נִישְׁט זַיין אַן אָפְּקוּמֶענִישׁ. מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען פּוֹעֵלְ'ן אַלֶעס, מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען אוֹיסְדְרֵייעֶן דֶעם מֹחַ מֶען זָאל וֶועלְן אוּן לִיבּ הָאבְּן יֶעדֶע זַאךְ פוּן דִּי תּוֹרָה.

אִיךְ קֶען פֶּערְזֶענְלִיךְ מִשְׁפָּחוֹת פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס הָאבְּן גֶעהַאט דִּי זַאךְ אִין אָנְהוֹיבּ, עֶס אִיז זֵיי גֶעוֶוען שְׁוֶוער מִיט דִּי הָאר, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט אָפְּשְׁנַיידְן דִּי הָאר, אוּן אוֹיךְ מִיט דִּי נֶעגְל, זֵיי הָאבְּן נָאר גֶעוָואלְט שְׁמִירְן דִּי נֶעגְל, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אוּן מִיט אַסַאךְ תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, זֵיי

הָאבְּן יֶעדְן טָאג גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן צוּ זַיין אֵיידְל, אִיךְ זָאל מִיךְ וֶועלְן אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר, אִיךְ זָאל נִישְׁט וֶועלְן מֶער שְׁמִירְן דִי נֶעגְל, אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן דִי אֵיידֶעלֶע וֶועג, אִיךְ זָאל נָאר לִיבּ הָאבְּן וָואס דִי צַדִיקִים זָאגְן"; אַזוֹי הָאבְּן זֵיי גֶעבֶּעטְן טֶעג אוּן וָואכְן אוּן אֲפִילוּ יָארְן, אוּן הַיינְט זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר אֵיידְל אוּן פִירְן שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבֶּער.

מִיט תְּפִלָּה וֶועט אִיר אָנְקוּמֶען צוּ דִי שֶׁענְסְטֶע פְּלֶעצֶער.

...

### אַנְשְׁטָאט זִיךְ טַעְנָה'ן, זָאג 'יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר'ן זָאגְן'

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ג כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ פִירְסְט זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, דוּ טַעֲנָה'סְט נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם. עֶס נֶעמְט אַ שְׁטִיק צַייט פוּן וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוּרָב בִּיז מֶען כַאפְּט דִי שֵׂכֶל פוּן מוֹהֲרַ"ן"שׁ, פוּן 'נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין וִיכּוּחִים מִיט קֵיינֶעם'; זִיךְ נִישְׁט טַעְנָה'ן מִיט מֶענְטְשְׁן, אוּן זִיכֶער נִישְׁט מִיט טַאטֶע, מַאמֶע אוּן זֵיידֶעס. אַז דַיין זֵיידֶע הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן אַ גַאנְצֶע דְרָשָׁה אַז מֶען טָאר נִישְׁט זָאגְן "שְׁכּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער" נָאר "אִיךְ דַאנְק דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער" - הָאסְטוּ זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק גֶע'טַעֲנָה'ט, נָאר אִים גֶעזָאגְט: "שְׁכּחַ פַארְן זָאגְן".

בְּנוֹגֵעַ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע גֵייעֶנְדִיג אִין גַאס; אַז מֶען לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע אִין גַאס גֵייעֶנְדִיג - דַארְף מֶען זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן בַּיי שְׁמַע יִשְׂרָאֵל. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנְחוּמָא לֶךְ לְךָ, א): "אָסוּר לְקַבֵּל עָלָיו עֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם כְּשֶׁהוּא מְהַלֵּךְ", מֶען טָאר נִישְׁט זָאגְן דִי עֶרְשְׁטֶע פָּסוּק פוּן קְרִיאַת שְׁמַע גֵייעֶנְדִיג, "אֶלָּא יַעֲמֹד בְּמָקוֹם אֶחָד", מֶען מוּז זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן, "וִיכַוֵּן לִבּוֹ לַשָּׁמַיִם" אוּן אִינְזִין הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "בְּאֵימָה וּבְיִרְאָה בְּרֶתֶת וּבְזִיעַ בְּיִחוּד הַשֵּׁם",

מֶען דַארְף לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע מִיט אַ צִיטֶער אוּן אַ פָּארְכְט, "וְיִקְרָא 'שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה' אֱלֹהֵינוּ ה' אֶחָד' (דְבָרִים ו, ד), כָּל אֶחָד וְאֶחָד בְּכַוָּנַת הַלֵּב, וְאַחַר כָּךְ, 'בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד'", נָאכְדֶעם קֶען מֶען וַוייטֶער גֵיין. עֶס אִיז דָא קְלָארֶע גְּמָרוֹת ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן אַז זֵיי הָאבְּן גֶעלֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע גֵייעֶנְדִיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### ווִי אַזוֹי וַוייסְט מֶען וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מוֹחֵל אוֹיף דִי עֲבֵירוֹת?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ג כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ טְבֶרְיָ'

אִיךְ פְרֵייא זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּנֶעם מְנַהֵל אַז דוּ לֶערְנְסְט פְלַייסִיג אוּן דוּ פִירְסְט זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ; יֶעצְט אִיז דִי חֶדֶר נָאךְ קְלֵיין, אָבֶּער נָאךְ אַבִּיסְל וֶועט זַיין אַסַאךְ קִינְדֶער אִין דִי חֶדֶר הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אִין שְׁטָאט טְבֶרְיָ'.

אוֹיף דַיין פְרַאגֶע 'ווִי אַזוֹי וַוייסְט מֶען וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מוֹחֵל אוֹיף דִי עֲבֵירוֹת?' ווִיסְן זָאלְסְטוּ, גְלַייךְ וֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, מֶען אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה, מֶען זָאגְט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן דִי אוּן דִי עֲבֵירָה, אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה, זַיי מִיר מוֹחֵל" - אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גְלַייךְ מוֹחֵל.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תּוֹרַת כֹּהֲנִים, בְּחוּקוֹתַי): "אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא" דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, "מִיָּד שֶׁהֵם מִתְוַדִּים" גְלַייךְ וֶוען אַ אִיד אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה, עֶר דֶערְצֵיילְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן - "אֲנִי מוֹחֵל לָהֶם" בִּין אִיךְ אִים גְלַייךְ מוֹחֵל.

דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען, אֵיידֶער דוּ גֵייסְט שְׁלָאפְן זָאלְסְטוּ תְּשׁוּבָה טוּן. זַיי זִיךְ מִתְוַדֶּה, זָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה אוֹיף אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט, גֶערֶעדְט אוּן גֶעטוּן, אִיךְ נֶעם זִיךְ פָאר מֶער נִישְׁט צוּ טְרַאכְטְן, רֶעדְן אוּן טוּן דִי

שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן". אוּן אוֹיבּ דוּ גֶעדֶענְקְסְט עֶפֶּעס אַ נִישְׁט גוּטֶע זַאךְ - זָאלְסְטוּ דָאס דֶערְצֵיילְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁמוּעֶס אוֹיס פִּינְקְטְלִיךְ וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן, שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט צוּ דֶערְצֵיילְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דַיין שְׁפְּרַאךְ; אַזוֹי וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר מוֹחֵל זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

מַאךְ אַ חַבוּרָה פוּן בָּחוּרִים מְפִיצִים, גֵיי שְׁטוּרֶעמֶען דִי גַאסְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ג כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זַיי נִישְׁט סֶעלְפִישׁ, לָאז נָאךְ בָּחוּרִים הָאבְן אַ זְכוּת אִין הֲפָצָה. נֶעם נָאךְ בָּחוּרִים מִיט דִיר, מַאךְ אַ חַבוּרָה פוּן בָּחוּרִים מְפִיצִים; גֵיי שְׁטוּרֶעמֶען דִי גַאסְן, בַּיי דִי הַייזֶער, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אֵיינְמָאל אַ וָואךְ פָאר אַרוֹיס מִיט אַלֶע בָּחוּרִים מְפִיצִים קַיין יַבְנְאֵל צוּ מוֹהֲרָא"שְׁ'ס צִיּוּן אוֹיסְזָאגְן תְּהִלִּים, אוּן דֶערְצֵיילְט פַאר מוֹהֲרָא"שׁ וִויפִיל סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים אִיר הָאט פַארְשְׁפְּרֵייט דוּרְכְאוֹיס דִי וָואךְ - וֶועט אִיר אַלֶע בְּקָרוֹב וֶוערְן חֲתָנִים אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן שֵׁיינֶע שְׁטוּבֶּער.

אִיךְ מַאךְ אַ מְלַוֶה מַלְכָּה יֶעדֶע וָואךְ פַאר דִי בָּחוּרִים וָואס גֵייעֶן הֲפָצָה, אוֹיךְ אִינְמִיטְן דִי וָואךְ מַאכְן מִיר פוּן צַייט צוּ צַייט אַן הֲפָצָה פַארְבְּרֶענְג. אִיךְ הָאבּ דָאס גֶענוּמֶען פוּן מוֹהֲרָא"שׁ; וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין יַבְנְאֵל בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ אִין דִי דִירָה, הָאט מִיר מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט וִוי אַזוֹי עֶר הָאט גֶעמַאכְט בָּחוּרִים זָאלְן וֶועלְן גֵיין הֲפָצָה. עֶר הָאט גֶענוּמֶען אַמֶערִיקַאנֶער בָּחוּרִים אוּן זֵיי צוּגֶעזָאגְט אֵייסֶעס, יֶעדֶע זוּנְטָאג הָאט מוֹהֲרָא"שׁ פַארְבְּרֶענְגְט מִיט זֵיי, מֶען הָאט גֶעגֶעסְן אֵייזְקְרִים אוּן זִיךְ מְחַזֵק גֶעוֶוען עוֹסֵק צוּ זַיין אִין הֲפָצָה. וֶוען אִיךְ וֶועל זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וֶועל אִיךְ זִיצְן מִיט דִיר אוּן מִיט דִי אַנְדֶערֶע בָּחוּרִים וָואס זֶענֶען עוֹסֵק אִין הֲפָצָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וואו דו גֶעפוּנְסְט זִיךְ, זָאלְסְטוּ הָאבְּן מִיט דִיר אַ זֶעקֶל סְפָרִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י״ג כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן; אֲפִילוּ דוּ קוּמְסְט נִישְׁט אַרוֹיף אִין יְשִׁיבָה יֶעדְן טָאג - זָאלְסְטוּ מַאכְן אַ יְשִׁיבָה דָארְט וואו דוּ גֶעפוּנְסְט זִיךְ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אוֹיף שְׁמוּאֵל הַנָּבִיא (נְדָרִים לח.): "כָּל מָקוֹם שֶׁהָלַךְ" אִיבֶּערָאל וואו עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען, "בֵּיתוֹ עִמּוֹ" הָאט עֶר גֶעהַאט זַיין שְׁטוּבּ מִיט זִיךְ; דָאס מֵיינְט מֶען, עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעהַאט מִיט זִיךְ אַ חוּמָשׁ, מִשְׁנָיוֹת וְכַדוֹמֶה. וואו עֶר אִיז גֶעוֶועןן - הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה, אַזוֹי וִוי אִין שְׁטוּבּ. אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן; וואו דוּ גֶעפוּנְסְט זִיךְ - זָאלְסְטוּ הָאבְּן מִיט דִיר אַ זֶעקֶל סְפָרִים, אַ חוּמָשׁ, מִשְׁנָיוֹת, גְמָרָא אוּן תְּהִלִּים.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דַיין שְׁפְּרַאךְ, בֶּעט אִים אוֹיף אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ. זָאג: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וִויל חֲתוּנָה הָאבְּן, אִיךְ וִויל זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ וִויל זַיין רֵיין". זַיי מַרְחִיב בְּדִבּוּר; קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וִוי דִי פָּאר וֶוערְטֶער שְׁפַּאלְטְן הִימְלֶען.

...

### דֶער נֵייעֶר אִינְגֶעלֶע וֶועט בְּרֶענְגֶען אַ רְפוּאָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י״ג כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַזָל טוֹב פַאר דַיין נֵייעֶ גֶעבּוֹירֶענֶע אִינְגֶעלֶע! חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי מוֹעֵד קָטָן ג, ז) "נוֹלַד בֵּן זָכָר בְּאוֹתָהּ הַמִּשְׁפָּחָה", וֶוען עֶס וֶוערְט גֶעבּוֹירְן אַ אִינְגְל אִין דִי מִשְׁפָּחָה, "נִתְרַפֵּאת כָּל אוֹתָהּ הַמִּשְׁפָּחָה", וֶוערְן אַלֶע אִין דִי מִשְׁפָּחָה אוֹיסְגֶעהֵיילְט; אַזוֹי וֶועט זַיין בַּיי דִיר, דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ

גַאנְצֶע רְפוּאָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַכְנִיס זַיין דַיין קִינְד לִבְרִיתוֹ שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ אוּן מְגַדֵל זַיין לְתוֹרָה וּלְחוּפָּה וּלְמַעֲשִׂים טוֹבִים, אוּן הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵמָה בְּקָרוֹב.

...

## מִיט תְּפִלָּה אוּן מִיט חָכְמָה, וֶועט דַיין וַוייבּ דִיר נִישְׁט שְׁטֶערְן פוּן בְּרֶסְלֶב

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י״ג כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

וְויסְן זָאלְסְטוּ, דַיין וַוייבּ אִיז נִישְׁט שְׁלֶעכְט. זִי הָאט גָארְנִישְׁט קֶעגְן דֶעם רֶבִּי׳ן, זִי ווִיל דוּ זָאלְסְט זַיין בַּיים רֶבִּי׳ן, זִי וֵוייסְט נָאכְמֶער פוּן אַנְדֶערֶע וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטוּן מִיט דִיר. נָאר וָואס דֶען? זִי אִיז אַרִיבֶּער שְׁוֶועֶרֶע בִּזְיוֹנוֹת, אִיר מִשְׁפָּחָה הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען אוֹיף אִירֶע בֵּיינֶער, מֶען הָאט אִיר גֶעטְשֶׁעפֶּעט אַז דוּ פָּארְסְט קַיין אוּמַאן, אוּן דָאס אִיז אִיר גֶעבְּלִיבְּן אִין מֹחַ וְכוּ׳ וְכוּ׳.

דוּ פוּן דַיין זַייט זָאלְסְט אִיר וַוייטֶער מְכַבֵּד זַיין, אוּן זָאלְסְט רַייסְן תְּפִילוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם פְּרַט, אַז דַיין וַוייבּ זָאל דִיךְ נִישְׁט מְרַחֵק זַיין פוּן רֶבִּי׳ן, זִי זָאל דִיךְ שְׁלֶעפְּן צוּם רֶבִּי׳ן, אוּן דִי קִינְדֶער זָאלְן בַּאקוּמֶען אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חִינוּךְ; דִי רֵיינֶע חִינוּךְ, דִי זוֹיבֶּערֶע, תְּמִימוּת׳דִיגֶע, אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה׳דִיגֶע חִינוּךְ.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ מִיט חָכְמָה טוּן וָואס שְׁטֵייט (קֹהֶלֶת י, י): ״וַחֲיָלִים יְגַבֵּר״, ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דַרְשְׁ׳עֶנֶען (תַּעֲנִית ח.): ״יַרְבֶּה עָלָיו רֵעִים״; בֶּעט פוּן חֲבֵרִים זָאלְן רֶעדְן אִין שְׁטוּבּ זֵיי זָאלְן זִיךְ בַּאפְרַיינְדְן מִיט דַיין וַוייבּ, אַזוֹי וֶועט אִיר זַיין גְרִינְגֶער, וֶוען זִי וֶועט הָאבְּן פְרֵיינְד בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר פְרוֹיעֶן.

...

**אַ גוּטֶע זַאךְ קוּמְט אָן שְׁוֶוער**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י״ג כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט גֶעהֶערְט פוּן ר׳ אֵלִיָּהוּ חַיִּים רוֹזִין זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, וָואס הָאט גֶעהֶערְט פוּן הַצַּדִּיק רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: ״אַ זַאךְ וָואס קוּמְט אָן גְרִינְג - אִיז מֶען חוֹשֵׁשׁ ׳אֶפְשָׁר אִיז דָאס פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט, דִי סִטְרָא אַחֲרָא׳, וַוייל אַ גוּטֶע זַאךְ קוּמְט אָן שְׁוֶוער״.

דָאס אִיז מוֹרָא׳דִיגֶע חִיזוּק.

...

**צְדָקָה רַאטֶעוֶועט**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן אַרוֹיסְגֶעבְּן דִי נֵייעֶ קוּנְטְרֵסִים, דִי בְּרִיוו פוּן אִישׁ אֱמוּנוֹת אוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, וָואס זֶענֶען מְחַזֵּק אוּן מְעוֹדֵד אַזוֹיפִיל בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ וַוייטֶער אַרוֹיסְגֶעבְּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בִּיכֶער פַאר קִינְדֶער, מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים - וָואס פְלַאקֶערְן אוֹיף דִי הֶערְצֶער פוּן קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן רמח): ״דַּע, שֶׁסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים, הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד״, זָאלְסְט וויסְן - זָאגְט דֶער רֶבִּי - אַז דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים - אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, ״כִּי עַל יְדֵי סִפּוּרִים מִצַּדִּיקִים, נִתְעוֹרֵר וְנִתְלַהֵב הַלֵּב בְּהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בְּחֵשֶׁק נִמְרָץ מְאֹד״, וַוייל וֶוען מֶען הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִּיק, וֶוערְט דָאס הַארְץ אוֹיפְגֶעפְלַאמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַ שְׁטַארְקֶע חֵשֶׁק צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דָא הָאסְטוּ אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה פַאר דִי קִינְדֶער עֲצָתוֹ אֱמוּנָה. בֶּעט דֶעם מֶעלֶער עֶר זָאל מָאלְן ווִי רַבָּנִים זִיצְן אוֹיבְן אָן פוּן אַ חֲתוּנָה אוּן אֵיינֶער שְׁטֵייט אוּן הַאלְט אַ מַטְבֵּעַ מִיט בֵּיידֶע הַאנְט, עֶס זֶעט אוֹיס ווִי עֶר גֶעבְּט צְדָקָה.

עֶס טוּט זִיךְ אַ רֶבִּי׳שֶׁע חֲתוּנָה, עֶס קוּמֶען צוּ פָארְן גְרוֹיסֶע רֶבִּי׳ס אוּן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים, דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק רֶבִּי אַהֲרֹן פוּן טְשֶׁערְנָאבִּיל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מַאכְט חֲתוּנָה אַן אֵיינִיקְל מִיט אַן אֵיינִיקֶל פוּן רֶבִּי׳ן, רֶבִּי יִשְׂרָאֵל, שָׂרָה׳ס טָאכְטֶער.

אוֹיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען בַּיי דִי חֲתוּנָה. עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ פְרֵיילִיכֶע חֲתוּנָה, אַ לֶעבֶּעדִיגֶע חֲתוּנָה; אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע צַדִיקִים טַאנְצְן אִינְאֵיינֶעם.

אִינְמִיטְן דִי חֲתוּנָה זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי אַהֲרֹן פוּן טְשֶׁערְנָאבִּיל מֶען זָאל רוּפְן רֶבִּי נָתָן, עֶר ווִיל מִיט אִים רֶעדְן. דֶער צַדִיק פְרֶעגְט רֶבִּי נָתָן: "זָאגְט מִיר, אֶפְשָׁר הָאט אִיר עֶפֶּעס גֶעהֶערְט פוּן אַייעֶר גְרוֹיסְן רֶבִּי׳ן, עֶפֶּעס אַן עֵצָה אוֹיף חוֹלִי נוֹפֵל? ווַייל אֵיינֶער פוּן מַיינֶע קִינְדֶער לַיידְן אוֹיף דִי מַחֲלָה, עֶס פַּאסִירְט בַּיי אִים פְּלוּצְלוּנְג פַאלְט עֶר אַרָאפּ אוּן עֶס ווַארְפְט זִיךְ אִים דִי גַאנְצֶער גוּף, בִּיז עֶר קוּמְט צוּרִיק צוּ זִיךְ"; דֶער צַדִיק בֶּעט רֶבִּי נָתָן עֶר זָאל אִים עֶפֶּעס זָאגְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

רֶבִּי נָתָן עֶנְטְפֶערְט גְלַייךְ: "יָא אַוַדַאי, דֶער רֶבִּי הָאט אַן עֵצָה! דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן רא) אַז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דִי פָּסוּק (תְּהִלִּים קיב, ט): פִּ׳זַּר נָ׳תַן לָ׳אֶבְיוֹנִים - אִיז ׳נֵפֶל׳, אַז מֶען טֵיילְט אוֹיס גֶעלְט פַאר אָרֶעמֶעלַייט - וֶוערְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט פוּן דִי מַחֲלָה".

רוּפְט זִיךְ אָן דֶער צַדִיק רֶבִּי אַהֲרֹן פוּן טְשֶׁערְנָאבִּיל: "אוֹיבּ אַזוֹי דַארְפְן מִיר פוּנְדָאסְנֵיי אָנְהוֹיבְּן טֵיילְן צְדָקָה". ווַייל דֶער צַדִיק פְלֶעגְט טֵיילְן גְרוֹיסֶע צְדָקוֹת, עֶר הָאט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן אַסַאךְ בַּאהַאלְטֶענֶע צַדִיקִים, אָבֶּער וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי נָתָן דִי עֵצָה, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אִיךְ גֵיי אָנְהוֹיבְּן גֶעבְּן מֶער צְדָקָה".

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, אוֹיךְ קִינְדֶער קֶענֶען גֶעבְּן צְדָקָה; אוֹיבּ מֶען הָאט אַ

גוטֶע נַאשׁ און אַ צְוֵוייטֶער קִינְד בֶּעט און מֶען גֶעבְּט אַבִּיסְל פון דִי גוטֶע נַאשׁ - אִיז דָאס צְדָקָה, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה, און אַז מֶען טוט דִי מִצְוָה פון צְדָקָה - וֶוערְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט פון נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן; סַיי בְּגַשְׁמִיוּת און סַיי בְּרוּחָנִיוּת, מֶען וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...